STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02154

DI TSVEY VEGEN

M. A. Shapiro

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די צווײ װעגען

די ריכטיגע װעג

אַבהאנדלונגען

פון

מ. ז. שפירא.

M. SHAPIRO

196 Thatford Ave., Brooklyn, N. Y.

1919.

ראזענבערג פרינטינג קא., 176 פארק ראו, ניו יארק.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 331

PJ 5732
.S5

אנשטאט א פאררעדע.

דער בין און דער שפין.

א משל

דער בין האט פערלאזען זיין היים, דעם בינשטאק, און איז געפלויגען אין פעלד זאמלען דעם דופטענדען האניג. זיין אויג זעהט פון וויטען די שעהנע קווייטען מיט זייערע בונט־געפוצטע קעפעלאך ווינקען צו איהם מיט ליעבע און גאסט־פריינדליכקייט, און דער ווינטעלע ברענגט איהם צו זייער זשומען: "קום שוין, ליעבער שדכן, אונזערע ליעבעס־געפיהלען האבען זיך לעכצענד ארויסגעוועבט פון אונזער טיעפען הארצען אין האריגע געווירצטע פעדימלאך — פערבינדט זיי און פלעכט דעם קרוין פון הייראטהס־לעבען. מיר גרייטען פאר דיר א דופטענדען טיש, און צאהלען דיר מיט האניג־זיסען שדכנות".

ער פליהט, דער בין, און זיין קליין, אבער לוסטיג, הארץ צאפעלט זיך פאר מאגען־פרייד. פלוצלונג א בליטץ און א דונער, און זיין וועג האט אבגעהאקט א שלאגס־רעגען. אין פערלעגענהייט ווארפט דער בין זיינע געשליפענע אויגען היין און הער, און זעהט ניט וויט אנ'אלטען שייער. זיינע פערנעצטע פליגעלאך האבען איהם קוים געבראכט אהין, און מיט די הכנעה פון א גר האט ער זיך פערשטעקט ערגעץ אין א שפאלט אונטער'ן דאך.

דער רעגען האט זיך אבער פאנאנדער געשפיעלט ניט אויף צופלייסען. עס האט אבגערעגענט א גאנצער מעת לעת און דער כמורנער גאסט וויל נאך גאר ניט מערקען אז ער איז שוין צו לאסט, און הערט ניט אויף צו פלאפלען איבערן דאך זיין נודנעם, מאנאטאנעם, פון א פוסטען קאפ פויק־פלוידעריי.

אונזער בין האט זיך נעבאך גוט דורכגעהונגערט. ניט ווייט איז געשטאנען א שפין. ווי א מלך, אין זיין זיידען־שפינוועבסנעם געצעלט, און האט זיך גאנץ געמיטהליך געשווויגען, נאך א זאטען מאהלצייט פון א פליגעןמח. מען זאגט שפינען זיינען שלעכט. עס איז אבער, ווי עס ווייזט אויס, קיינ כלל ניט. דער שפין האט אויפגעכאפט די הונגעריגע בליקען פון'ם בין און האט בעשלאסען העלפען דעם נעבונד'ניק. האז מיט א גוטע עצה:

„בלעבען — האט ער אנגעהויבען — דו זעהסט דאך אז פאר דיין ספעציאליטעט — האניג מאכעריי איז יעצט קיין צייט. וואלט ניט גלייכער געווען דו זאלסט זיך א נעהם טהון, פעהיג בויסטו, און זיך אויסלערנען מאכען א נעטץ פון שפינוועבס. דו וואלסט געכאפט פליגען, אין א רעגענדיגער צייט זיינען זיי דא פול און פיעל, און וואלסט געמאכט א שעהנעם לעבען.”

דער בין האט אויף איהם געווארפען א לאנגען און טרויעריגען בליק און אם ענד געענטפערט: אויפגעצויגען אין האלב־דונקעל, אין די פערשטויבטע שפאלטען פון אבגעטוידטען האלץ. פאר די אויגען אייביג די גע'הרג'עטע זאנגען. אין די, ענטרונענע פון ים ליכט בלאסע שטראהלען, דרעהען זיך אין בהלה ארימע פליעגען, וועלכע ווייסען נור צו זשומען זייער הונגער־ליעד אין'ם ווירבעל פון'ם שמאק — און צוועקלאזען הו־הא לעבען. ניט האבענדיג פאר די אויגען דעם אויפלעבען נור דעם אבלעבען, ניט נאשענדיג פון דער זונן קיין אנדער מזל־ברכה אויסער שטויב, פון רעגען — אויסער א טוכלע פייכקייט, פון דער נאכט, אויסער א שטומען הונגער. — זויגסטו מיט צופריעדענהייט לעבען פון טוידט, פערגעניעגען פון'ם צאפעל פון דער גסיסה, און דיין גאנצע נשמה איז א געוועב פון די שאטענס פון אונטער־גאנג.

„פריי פליה איך מיין שפאציער איבער די ברייטע בלומענדע פעלדער. דער געווירצטער ווינטעלע טראגט מיך מילד. איך הער מיך צו ווי זאנפט ער זשומעט זיין מורמעל־געשפרעך מיט די קוויטען, וועלכע שאקלען איהם: „ווילקאמען!” און דער הימעל צוגיסט זיך מיט א הייסען שמייכעל איבער דער גירלאנדע פון דער כלה־ערד. איך זעה דעם לעבען אין זיין שאפען. איך פיהל זיין דופק אונטער דער אויפשווימענדער, אימער בענייענדער בריאה.

דעם יעט אונטערבראכענעם כח פון זיין הארמאני — אין'ם אויפפלאמענדען אין די הערליכקייט פון'ם קווייטען־שפיעל פון די פארבען.

געוויהט אין די מיסטעריען פון דער געהיימער לעבענס קוועלע. מיינע פאנטאזיען איבערפיהלט מיט'ן פרייד פון בעגייסטערונג פאר אלעס וואס אטהעמט ווי דער טראפפען טהוי, וועלכער הענגט אויף דער בונטער בלעטעל פון'ם רויזען קעפעלע — מיט'ן פריה־מארגען ליכט. בין איך דער שליח אנצוזאגען די געוויקסע, וועלכע געפוטצט און געצירט האבען זיך ארויסגעשאטען פון'ם שויס פון דער מוטער ערד צו בעקליידען זי מיט די קונסט־ווערק פון לעבען: „ליעבע קינדערלאך — דער מינוט! זאל אייך ניט פער'שכור'ן דער פריהמארגען מיט זיין רויט־ווייז־ליכט, זאל אייך ניט רייצען דער פריהלינג מיט זיינע געווירצען. דער אויפבליטצענדער שטראהל מוז ניט פערגעסען זיין ליכט־קוועלע, און מוז צובינדען צו איהר זיין עקזיסטענץ מיט'ן ערענסט פון דער מחשבה, ווענען א זומער, הערבסט און ווינטער. די בלום צורייסט איהרע פון גרינע בלעטעלאך קנאספען — הילע ארוים צו בליקען אין דער וועלט, וועלכע עמפפאנגט איהר מילד, אבער זאל זי דיך ניט נארען דיעזע פול קאפריזען שעהנהייט. היט זיך פאר איהר בייזער. בעזארג דיינע צארטע בײנדעלאך, און ראזע בלוט, וועלכע שיסט אין ליעבע קאלירען — מיט א הילע פאר ווינטער. א פערבארגענעם בעט ביי דיר דער אייביגער פונק פון לעבען.”

„דאס איז מיין בעשטימונג. איך מוז שאפען לעבען ניט טוידט. און נויט און הונגער וועלען מיך ניט צווינגען צו פערנארען פליעגען אין שפינוועבס, ער מעג בלישצען ווי זייד און ערשטוינען מיט זיין קונסטפולע געוועב. — און צו שפייזען זיך מיט מח עם מעג זיין פון פליעגען־קעפ.”

די צוויי וועגן.

דער מענש, לויט דעם בוי פון זיין קערפער, לויט, זיינע פהיזישע בעדירפניסע און פערלאנגען, איז ער א חיה, א בהמה. ער האט אבער עטוואס אין זיך וואס אונטערשיידעט איהם פון דער חיה, און וואס האט איהם געגעבען די אויבערהאנד איבער אלעם. מען רופט עס — שכל, נשמה, גייסט א. ז. וו. די ידיעה פון דער אויסערער וועלט, דעם מענשענס שייכות צו דיזער וועלט, איז אויך פערשיעדען. דער קערפער בעציהט זיך צו דער וועלט דורך די חושים — אויגען, אויערן א. ז. וו. פון דארט בעריהרט איהם די וועלט, און ער ענטפערט (רעפלעקטירט) מיט צופריעדענהייט פאר זיין צייטליכען קיום. דער גייסטיגער וועזען אין מענשען (שכל) בעציהט זיך צו דער וועלט דורך א העכערער בעריהרונג, דורך די אבסטראקטען (בעגריפען). דער סמן מובהק פון דיזע לעצטע איז זייער אייביגקייט (העכער פון צייט און ארט). דער כח פון אבסטראקט (הפשטה) הויבט זיך אן ביים מענשען פון דער ענטשטעהונג פון דער שפראך. דער „טיש" למשל וואס איך זעה (חוש) איז בעשרענקט אין צייט און ארט, דער „טיש" וועלכען איך זאג (שכל) איז פאר אלע צייטען און אלע ערטער. דאס איז א שכל — וועזען *) דער גאנצער שטרעבען פון דער וויסענשאפט איז אויס צו געפינען די געצעהלטע אייביגע כחות און שטאפפען, וועלכע נעהמען אנטהייל אין'ם וועלט־געשעהן, די געצעהלטע פעדים, וועלכע וועבען אויף, די אלע הערליכקייטען פון דער בריאה־געוועב.

דער ענטפער (רעפלעקס) פון קערפער אויף'ן איינפלוס פון אויסען (ידיעה) מוז ניט געהן גלייך — פאראלעל. דער מענש קען זיין בעאיינפלוסט

---

*) וואו איז די אמת'ע מציאות (רעאליטעט) צו אין חוש צו אין שכל ? דיזע פראגע איז ערנסט בעהאנדעלט בע"ה אין מיינע העברעאישע ספרים.

פון שכל און דער ענטפער, אלס צוועק פון דער טהאטיגקייט קען זיין ארויסגעשטעלט קערפערליכע פערלאנגען, און פערקעהרט.

דעם מענשענס „איד“, דער פערטרעטער פון זיין מהות, יענער אויבער־פונקט אין זיין מחשבה, וועלכע שטעלט אויף זיין בעגריעף וועגען זיך זעלבסט, איז ניט אבהענגיג פון'ם איינפלוס פון אויסען (דאס איז דער „ניט־איד“) נור פון דעם ענטפער אויף דיזען איינפלוס. ד. ה. וועמען שטעלט דער קערפער צופריעדען מיט דעם כח וואס פליעסט צו איהם צו דורך זיינע פערשיעדענעם בעריהרונג מיט דער וועלט? שטעלט ער צופריעדען יענעם פונקט אין מח, וואו עס דריקט זיך אויס זיין פערטרעטערשאפט פון'ם שוואכען אהנונג פון דער אויסערליכער, פאנטאסטיש־אבסטראקטער וועלט, דעם מענשענס אהנונג פון'ם געהיימען, אייביגען ווארצעל פון דער בריאה. דאן איז די אויפפאסונג פון'ם מענשען פון זיך זעלבסט, ד. ה. זיין „איד“ אלס אייביגער וועזען — א מלאך.

ווען אבער דער מענש זוכט צופריעדען שטעלען דעם פיהלבארען טהייל פון'ם קערפער, די פהיזיק, ער בענוטצט דעם איינפלוס פון אויסען, אויף דעם אייביגען שכל, פאר צופריעדען שטעלען די צייטליכע פערלאנגען ד. ה. אלע טהיילען פון קערפער אויסער דעם מח. דאן איז די אויפפאסונג פון'ם מענשען וועגען זיך זעלבסט — אלס חיה א צייטליכער וועזען.

אויף דיזען פונקט טהיילען זיך פאנאנדער די וועגען פון'ם „איד“ און „ניט־איד“ (פריידענקער).

למשל, דער מענש שטעהט אויף פון שלאף אלס איד, גלייך ווי ער עפענט די אויגען (והקיצות היא תשיחך) נעהמט איהם שוין די תורה פאר'ן האנד און פיהרט איהם אין גאטעס וועג. „זאג זשע, מיין קינד, מודה אני וכו', בעדאנק גאט וואס ער האט דיר אומגעקעהרט דיין נשמה, דיין בעוואוסטזיין, דיין זעלבסט־געפיהל. דו האסט בעהאלטען דיין נשמה אין זיין האנד א פערמאטערטע, און ער האט זי דיר אומגעקעהרט אנ'אויסגערוהטע.“ און ווי א געטרייע צערטליכע מוטער לאזט איהם שוין די תורה ניט אב. מיט איהרע עשה'ס (טהו) און לא תעשה'ס (טהו ניט) וועקט זי אין איהם דעם אהנונג פון דער אויבער־וועלט, דעם שכל־מהות וואס אין איהם. זי מאכט וואקסען אין זיין בעוואוסטזיין דעם לעבענס־בוים פון יראת־שמים — מרגניתא דלית לה טימא „דעם אונשעצבארען אנהאלט אין לעבען“, וואס טרויסט דעם מענשען אין אונגליק (ר"ל) און צאהמט אין גליק. און

בצלו יחיה, אין איהר שאטען לעבט ער אין דער היכער ספערע למעלה מכפת הרקיע, העכער פון מזל. איהם בעריהרט ניט די אומוועלצונגען פון שיקזאל, זאגאר דער טוידט איז ניט שטארק גענוג צו דער גרייכען איהם. והיה כעץ שתול על פלגי מים — פעסט איינגעווארצעלט אין לעבען, וועלכער דער גרייכט ביז אייביגקייט. אויף דיזער וועג ווערט אויפגעלעזט דער קערפער (געפיהל־לעבען) אין שכל און דעם מענשענס „איך" איז א מלאך.

ווען אבער דער מענש שטעהט אויף פון שלאף אלס „ניט־איד", עס בעפאלט איהם גלייך די דאגת־הפרנסה, מען דארף שנעל לויפען צו דער ארבייט, אדער צום געשעפט. וואס איז ? מען דארף דאך בעזארגען זיך און די פאמיליע מיט ברויט, א וואוינונג א. ז. וו. ער לויפט ארויס אין גאס — עס רוישט, עס קאכט. דאס זיינען אלס די זעלבע שקלאפען, וועלכע די זעלבע שטרענגע אונבארעהמערציגע נויט האט ארויס געיאגט פון די הייזער. די גענייטע אויג פון'ם בעאבאכטער קען דא באמערקען נאך איין שקלאף, וואס די זעלבע נויט האט ארויס געיאגט פון זיין באהעלטעניס — דאס איז דער מענשליכער שכל. דיזער לעצטער האט בענוטצט זיין ידיעה פון דער אויבער־וועלט מיט זיינע געזעטצען צו אונטעריאכען אונטער דעם מענשענס מאכט די געהיימע כחות פון דער נאטור, און מיט זיינע מייסטער־האפטע אויפטהואונגען האט ער פאנאנדער געוואקסען דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון'ם מענשען וואונדערהאפט און קונסטפאל. דאס וואונדערבארע איז דעם אלעם איז דער „ניט־איד" אבער דער אינערליכער ענטפער פון'ם מענ־שען אויף די אויפפאסונג פון דער אויסערער וועלט. — דער צוועק פון זיין גאנצע טהעטיגקייט זיינען די צייטליכע קערפערליכע בעדירפניסע, און דא רעדט שוין די חיה אין מענשען.

ווי פערשיעדען די מיטלען צווישען דעם פיש־פאנג פון'ם וואלפיש און פון דעם מענשען, צווישען די געלד־אוצרות פון'ם עושר און הויפענס קער־נער פון דער אמייזע (נמלה) צווישען דעם קונציגען פליעגען־נעטץ פון'ם שפין און צווישען די מאשינערי פון'ם מענשען, — דער צוועק איז דער זעלבער, למלא נפשו כי ירעב, צופריעדענשטעלען און פערזיכערען די צייטליכע עקזיס־טענץ און מיטלען פאר פארטפלאנצונג.

אויף דיזער וועג פון ציוויליזאציאן ווערט אויפגעלעזט דער מלאך אין מענשען (דער שכל) אין דער חיה אין מענשען (זעה אנמערקונג אין דער ענדע פון'ם ארטיקעל).

גענוג פלאגט זיך אזא מענש אין׳ם לענג פון׳ם ארבייטס־טאג — היטץ אדער קעלט, מיהע, דאגה, צאנקעריי און נאך מיט וואס דער „קאמפף אום׳ס דא־זיין" איז בעגלייט. דער קערפער איז פערמאטערט, די נשמה אויך. ניט אלע מאהל איז בלויז דער קערפער פערשמוצט פון דער מלאכה, פיעלע מאהל איז די נשמה אויך ניט פערבליבען גאנץ זויבער. די אויערן מיט די אויגען (אינן ברשותו של אדם) זיינען צנורות צו ברענגען צום מח אלערליי לה״ר, ליצנות, רויבער־געשיכטען און פערברעכער־מעשיות א. ז. וו. דאס אלעס מאכט דעם מח פאר א מין רעזערוואואר פאר מים סרוחים (ר״ל). דער איד זוכט רוהע און ריינקייט פאר דער נשמה מעהר ווי פאר׳ן קערפער. נאך׳ן טאג ארבייט לויפט ער אין בית המדרש. דארט איז פאר איהם גרייט די קריסטאל־ריינע וואסער פון דער תורה, — א תהלים, א משניות, א חובת הלבבות א. ז. וו. מצור שדי שלג לבנון וגו׳ דאס איז א קלאהרער, ערקוויקענדער וואסער פון די שנעע־ווייסע, ציכטיגע נשמות פון אונזערע יראים ושלמים (למה נמשלה תורה למים וכו׳).

ער לערנט און עס וועהט אויף איהם א לופט פון א העכערע ספערע עם טויכט ארויס צו איהם אנ׳אהנונג פונדער קוועלע פון לעבען (כי עמך מקור חיים וגו׳) פון אייביגען קיום מיט גאט ב״ה, אשר לא יגורנו רע — ריין פון פלאגנעש, געזיכערט פון׳ם שלונד פון פערגעהן.

ער לערנט — און די הייליגע, ערמוטהענדע ווערטער פערטרייבען דאגה פון זיין הארצען און די שפורען פון טמאה פון זיין געדאנקען. דעם אידענס גוף גענימט א ביסעל פון דער אוועגד־רוהע, זיין נשמה א פולע (אז תתענג על ד׳ וגו׳ והשביע בצחצחות נפשך וגו׳) און צו זאמען מיט די ריינע, זאנפטע מלאכי רחמים פון אוועגד־דעמערונג, שיקט ער א תפלה צום רבש״ע (ייראוך עם שמש וגו׳), א דאנק צו זיין ליעבען נאמען, וואס ער האט בעשאפען אזא שעהנע וועלט להנהות ממנו בני אדם...

דער „ניט־איד" — זיין לעבען איז איינגעשלאסען אין די צוויי ווערטער פון׳ם פערצייטיגען רוימישען המון — „ברויט און טהעאטער". דער ארבייטס־טאג איז פאר ברויט, דער אווענד פאר טהעאטער. דעם בוים קענסטו דער־קענען נאך׳ן בלום און דעם בלום נאך׳ן ריח. דער מאדערנער געזעלשאפט־ליכער לעבען מיט זיין אבשפיגלונג אין צייטונג, ראמאן און טהעאטער שטעלען פאר איין און דעם זעלבען בילד — דעם יצה״ר׳ם משרתים האבען דעם הימעל־וועזען, דעם שכל, אראפ געריסען פון זיינע אויבער־ספערן און

האבען איהם מטמא געווען מיט כל הפסלנות. דער איינציגער גאט פון די פריידענקער איז די הנאה, דער קערפער־גענוס, די צייטליכע בעדירפניסע, וואס איז געווארען ביי זיי א מין פערשוועכטער הייליגטהום. זיי דינט ער ביי טאג מיט מסירות נפש און זיי בעזינגט ער ביי נאכט. און ניט דער גוף און ניט דער נפש איז צופריעדען. דער גוף בויגט זיך אונטער דעם שווערען לאסט פון נוטצלאזע בעקוועמליכקייטען, און דער נפש פיהלט זיך עלענד, פערלאזען. דער מאדערנער חמר־מענש שרעקט זיך פאר א ווייליע התבודדות. פערבלייבען א ווייליע אליין מיט זיך שמעקט איהם מיט'ן גיהנם. דען וועה איז יענעם, אין ווענענם הארצען עס גליהט אויף דער פונק פון'ם חלק־אלק' ממעל און מאהנט ביי איהם חשבון פאר די אלע טעג, וואס זיינען איבער געברענט געווארען ווי שטרוי אין'ם רגע'דיגען בליטץ פון א מינוט אויפרעגונג (שכרות) פון פאלשען גליק.

מדרש חז"ל מניח אני את כל אמנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה.

דער איד זאגט איך דארף ניט ארויסלאזען וואס ביי מיר איז האנד און טרייען (אומזיסט) ארוים צו כאפען וואס ביי גאט איז האנד. (הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים). מאכען מיין קינד פאר אנ'עושר קען איך ניט. ווען אפילו איך זאל קענען בעזארגען מיין קינד מיט רייכקייט, מיט גליק — ניט (יש עושר שמור לבעליו לרעתו). וואס איך קען און איך בין מחויב איז מאכען מיין קינד פאר א איד. — ולמדתם אותם את בניכם וגו'. הכל בידי שמים — דעם צייטליכען ווזען אין מענשען האט דער באשעפער בעזארגט, מיט דער חיה צוגלייך, פאר א צייט לאנג מיט א פאטער און מוטער. זיי באשיצען און בעזארגען דעם יונגען שפראצונג פון לעבען מיט דער גינסטיגער סביבה ביז א פאלשטענדיגע ענטוויקלונג. חוץ מיראת שמים — דעם שפראצונג פון אייביגקייט אין מענשען (יצ"ט — שכל) מוז דער פאטער מיט דער מוטער בעזארגען מיט. א הימלישען פאטער־גאט און מוטער־תורה. די תורה לערנט דעם מענשען גאטעס רצון, זי טרויסט איהם אין שווערע צייטען — כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, עס איז אלעס צו דיין טובה (כי כאשר ייסר איש את בנו וגו') גרוים איז די ליעבע, וועלכע טהוט זיך אליין וועה (להיטיבך באחריתך) פאר'ן שפעטערן גליק פון'ם קינד. די תורה צאהמט און ווארענט אין צייט פון גליק, ערמוטהיגט און לענקט אין דער ריכטיגער וועג.

און דער גלות־וועג פון'ם אידען איז לאַנג און געפּאַהרפול, אָנגעפּיקעוועט מיט דם־שונאים, אָבער ער איז געזיכערט אין גאַנצען האנד. יעקב אבינו לא מת. דער אונשטערבליכער יושב אהלים, דער אייביגער מתמיד, שטעהט און וואַכט אַז זיין פּרצוף זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין אַלע דורות. ויקרא בהם שמי ושם אבותי — דער נאָמען פון אברהם — די גרויסע הארץ איבערפילט מיט פּאַטער־ליעבע צו אַלעם וואָס לעבט און אַטהעמט אין גאַנצען וועלט, (ג"ח) דער נאָמען פון יצחק וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלז צו דער שחיטה פאַר'ן אלקי הרוחות דעם גאָט פון די גייסטער (עבודה) ויקרא בהם שמי — דער נאָמען פון יעקב, וואָס האָט ליעב די תורה און אָפּפערט פאַר איהר אַלע צייטליכע פערגעניעגענס און בעוואַכט דעם גייסטיגען אוצר פון תורה און מוסר איבער צו ליפערן איהם פון דור צו דור אין די ערוואַרטונג צום שומר הבטחתו לישראל. (תורה). ווער טהוט עס אין מענשען? דער חלק אלקי ממעל (נשמה — מלאך) דער בן עוה"ב שאין בו לא אכילה וכו' און דעם מעין עולם הבא, דעם אהנונג — פאַרגעפיהל, דעם רוח גן־עדן, דעם ערמונטערנדען בטחון און אמונה פערדינט יעקב ווען ער דאַגה'ט נימ פאַר'ן עסען פאַר זיינע קינדער — מאן דיהיב חיי יהיב מזונא. ווער עס האָט איינגעלאַדען די געסט וועט גרייטען פאַר זיי אַ טיש.

אני ד' לא שניתי ואתם בני ישראל לא כליתם. איך בין דער זעלבער — זאָגט השי"ת — וואָס האָט געהייסען דעם הימעל רעגענען מיט מן פערציג יאָהר, איך בין דער זעלבער וואָס האָט געצוואונגען אייערע שונאים שפּייזען אייך צוויי טויזענד יאָהר. והעורבים (די שוואַרצע) מביאים לו לחם (און אָפּטער אויך) ובשר. איך בין דער שומר הבטחתו — כי לא אעזבך גם על הפרנסה הבטיחו און טוב לחסות בד' מבטח בנדיבים און דער פאַר טאַקע — מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה, שאוכל פרותיה בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא.

דער „ניט־איד" רייסט אָב זיין קינד פון דער תורה. וואָס איז? איך וועל מאַכען מיין קינד פאַר אַ באַנק־קוועטשער, אַ שלי'מזל, אַ קלויזניק. וואָס ווייס פון קיין וועלט ניט א. ז. וו. *)

---

*) עס איז אַ ביסעל ריזיקאַליש אָנצורופען אַ מאַן מיט אַזאַ גע־דאַנקען גאַנג — „ניט־איד". אָפּט מאַכט אַ מענש אַזאַ בעהויפּטונג און מיינט דערביי צו זיין אַ כשר'ער איד. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס ניט

און גיט אָב זיין קינד פון דער פריהסטער יוגענד צו לערנען שפּראַכען, קענטניסע און פערנאַכלעסיגט די תורה. ער וויל אַריינכאַפּען וואָס אין גאָטעס האַנד (הכל בידי שמים) און פערזאָרגען דעם קינד מיט וועלטליכע (קערפּערליכע) הצלחה און פערנאַכלעסיגט וואָס ביי מענשען אין האַנד (יראת שמים) — פערזיכערן דעם קינד מיט נשמה־גליק מיט אַ פעסטען מאָראַל, מיט זיכערן זעעלען־אַנהאַלט אין גוטע און אויך (חלילה) אין שלעכטע צייטען. ער פערנאַכלעסיגט דעם אמת'ן און דער־גרויכבארען גליק. וואָרום ? — מי יאכילני בשר ! עס ווילט זיך איהם בעזאָרגען דעם קינד מיט אַ לוקסוס־לעבען. אַלזאָ, ער איז ניט דער יעניגער, וואָס איז וויליג צו אָפּפערן זיך און דעם קינד פאַר תורה, ער איז ניט יענער טהייל פון יצחק אין וועמען עס שפּיגעלט זיך אָב די עהנליכקייט פון אברהם — „למען יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד'." ער איז דער יעניגער וואָס פערקויפט זיין בכורה פאַר אַ זופּ לינזען, פאַר אַ צווייפעלהאַפטע הנאה פון עוה"ז (מן האדם הזה — רייטצען דעם גומען מיט דער אויג, דאָס איז דער וואָרצעל און צוועק פון'ם לוקסוס, פאַר וועלכע זיי אָפּפערן די גייסטיגע ירושה פון די עלטערן — די בכורה). כי ביצחק ולא כל יצחק אין אַזאַ מענשען רעדט ניט די אייביגקייט (שכל) נור די חיה אין מענשען — דער אינסטינקט, יענער נאַטור־טריב וואָס צווינגט דער פוכס צו לערנען איהרע קינדער צו כאַפּען שרצים.

מאמר חז"ל איזהו עם הארץ ? — זה שאינו מגדל את בניו לתלמוד תורה. נאָך אַ מאמר חז"ל — עמי הארץ אינם עתידים לחיות עם המתים

אָפּט וויים אַ מענש צו אורטהיילען אַ זאַך נאָך יענעם מעגליכקייט וואָס אין איהם איז בעהאַלטען. למשל, אַ מענש צוטרעט אַ קערנדיל אַהן אַ בעזונדערן געוויסען־ביססע, ער בעדיינקט דערביי גאָר ניט אַז ער האָט געמאַכט צו נישט די מעגליכקייט פאַר אַ גרויסען בוים. דער אביגער איך באַמערקט גאָר ניט אַז ער געהט איבערפיהרען אַ שטריך איבער דער קערענדיל אידישקייט, איבער דער גייסטיגער התחלה אין זיין קינדס הארץ און מעקט אוים זיין נאָמען פון אידישען צעטיל. דער משכיל יל"ג האָט געפילדערט אויף די חדר־קינדער: „ושחוטים עד הנפש וכו'" און אַם לעטצט האָט ער געקרעכצעט — „עד מתי, עד אנה", למי אני עמל ?" און ער האָט גאָר ניט פערדעכטיגט אַז ער שניידט וואָס ער האָט געזעעט.

וכו׳. דער צייטליכער גענוס איז פאַנאַנדער געשוואומען אין דיזען מענשען און האָט פערשלונגען דעם פונק אייביגקייט. ער האָט פערלאָשען אין איהם דעם באַגעהר צו זעהן זיין בעוואוסטזיין פאַרטגעזעצט אין די קומענדע דורות. דאָס איז די הסתלקות השכינה — דער רבש״ע האָט אָבגעצויגען זיין הבטחה פון דיזע מענשען און די אמונה איז צורונען געוואָרען אין זייער נפש און פון לעבען איז פערבליבען אַ שטיק שמעלצבאַרער ווי שנעע־חמר. פרעג דעם מאָדערניסט — וואָס איז דער מענש?״ — דער ענטפער ווי דער בלאָט פון בוים. דער אטהעם־צוג פון דער בריאה „וואָס איז די וועלט?״ — אַן אונלעזבאַרע רעטעניש — ד. ה. אַ שטיק חשך. (כל מי שאין בו אור תורה) און דער שכל זיטצט פערטרויערט — אָדער פער־שקלאַפט ביי דער תאוה, אָדער צוזאַמענגעלעגט די הענד — עטזאַגט פון דער שטעלע!

בכל יום בת קול יוצאת מהר הורב. ווען דער מענש איז זיך מתבודד אין דער ווייטער מחשבה וואו עס איז פערשוויגען דער קול המונה של עיר — דער רויש פון׳ם חמר מיט זיינע תאות. הערט ער אַ קול פון גאָט שרייט — „אוי להם לבריות מעלבונה של תורה — זיי באַליידיגען מיין תורה וועה צו זיי!״

גאָט איז אַ פאָטער און ער האָט געשטעלט אַ שפּיגעל צו ווייזען דעם מענשען ווי ער קוקט אויס. ווען ער בלאָנזשעט אַראָפּ פון גאָטעס וועג. — פרעג דעם אידען — וואָס איז דער מענש? — אַ מלאך, בצלם אלקים, מיט גאָטעס אָבשיין אין זיין נשמה, מיט דער אהנונג פון דעם מקור פון דער בריאה. ער איז דער ענד־צוועק פון אַלעם, און מיט גאָטעס רצון איז ער דער הערשער איבער אַלעם (אני אמרתי אלקים אתם וגו׳). דער מענש איז דער קרוין פון דער בריאה. ער איז דער ענד פון׳ם זויבערן קריסטאַל־עגול, וואָס פליעסט אַרוים פון׳ם צורי־שדי און קעהרט זיך אום צו איהם און פער־איינגיגט זיך מיט איהם אין אייביגקייט.

פרעג דעם „ניט־אידען״ (פריידענקער) — וואָס איז דער מענש? — אַ חיה מיט אַלע חיות און בהמות צו גלייך. ער ווערט געבוירען גלייך מיט׳ן גראָז און חיה און שטאַרבט גלייך מיט זיי. און דער צוועק איז דער זעל־בער — אוים צו מיסטיגען (אויסבעסערן) די פעלד פון לעבען פאַר די קומענדע דורות. און די קומענדע דורות? און וואָס איז די ערד אין גאַנצען? בלויז אַ ביסען פאַר׳ן אונערזעטליכען שלונד פון דער צייט״.

א שוידער בעפאלט ווען מען בעטראכט ווי נידעריג דער מענש איז געפאלען — פערלאזען פון גאט — ווי א שטויב אבגעריסען פון בארג און ווערט די רויב פון בייזע ווינטען. ווי א שיף אבגעריסען פון אנקער און רודער און ווערט דער בייזער שפיעל פון די וועללען. אהן די אהנונג פון א ברעג פון זיכערהייט, וואו צו רעטען זיך פון ענדליכען, שפורלאזען פערגעהן. ווי א זוהן פעריאגט פון פאטערס גנאדע, פון זיין לייטענדען בליק, פון זיין ווארנונג און טרויסט אויסגעזעטצט צום צופאל, נע ונד אין'ם קעסעל־גרוב, וואו איז ווירבעל קאכען און זידען ווילדע כחות.

קול גדול ולא יסף (ולא פסק) און גאטעס קול הערט ניט אויף צו ווארנען: רעיא חגירא ועזין רהטין וכו'.

גאט איז א גוטער פאטער, זיין רחמים בדין האלט אב זיין רוטה, איז ער לאזט דעם מענשען לויפען. עס מוז דאך אבער שלאגען די לעטצטע (און ווען איז ניט די לעטצטע — ישוב היום שמא ימות למחר) מינוט, און עס וויקעלט זיך פאנאנדער פאר'ן מענשען דער ענדליכער חשבון (אוי לנו מיום הדין, אוי לנו מיום התוכחה). מען ווייזט דעם מענשען דעם סך הכל פון זיינע מעשים זיין גאנצען לעבען, זיין האנדעל און וואנדעל. ווער עס האט געלעבט ווי א איד — מיט גאט און פאר גאט, זעהט אין די צוויימע חבלי יולדה, דעם שיין פון א נייעם געבורטה, פון אריינטרעט אין א נייער, אייביג־לויכטענדער סביבה, אונטער א ניט־אונטערגעהענדער זונן (לא יבא עוד שמשך וגו' והיה ד' לך לאור עולם) און ער שרייט אויס אין ענטציקונג — „מה רב טובך, אשר צפנת ליראיך". מיט דורשט און זעהנזוכט האב איך געלעכצט מיין לעבען — לאנג נאך דיזען ליכט, און ער ווערט פערווירקליכט— „אכן משפטי את אלקי!"

ווער עס האט אבער געלעבט ווי א בהמה — מיט'ן חוש און פאר'ן חוש— זעהט זיך אין יענעם פייערליכען מאמענט, ווי א נפל — א פעהל־געבורטה, וועלכער מיט'ן געבורטה ענדיגט זיך זיין לעבען, און זיין ליכט ווערט אויסגעלאשען איידער זי צינדעט זיך אן. און ער שרייט אויס אין הערצענס־אנגסט — „פיניטא לא קאמעדיא" געענדיגט דער נארישער שפיעל (דער לעבען).

און דער קול פון גאט הערט ניט אויף צו ווארנען. „יצא עשו וסריותו עמו". „וארח לחברה את פועלי און כי אמר לא יסכן גבר ברצותו את אלקים". (איוב ל"ד ח'.) דער איד, דער גאטעס פירכטיגער, ווי ליעב זיין גאט איז,

דער אויבער־הערשער פון זיין נשמה, זיין קעניג, ווי אנגענעהם גן־עדן׳דיג זיין לאנד, וואו די קלאהרקייט פון יוגענד, די זויבערקייט פון פריהלינג געהן פון איהרע הימלען ניט ארונטער (השארת הנפש) אזוי טהייער ליעבעס־ווירדיג איז זיין קאמפאניע. נח דער צדיק תמים, אברהם דער נשיא אלקים משה דער ענו מכל אדם, דוד דער עושה משפט וצדקה, דער גוואלדיגער מתמיד (ודוד מאורתא הוי קאי) דער ווילנער גאון, וואס לא פסק פומיה מגרסא א. ז. וו. די גרויסע רייהע פון נאבעלע גייסטער, פון זויבערע גע־מיטהער, די אלע וואס ציהען צו „גאטעס בארג" — „מי יעלה בהר ד׳ וגו׳ נקי כפים וגו׳," „כי צדיק ד׳ צדקות אהב וגו׳," „קדשים תהיו כי קדוש אני". — די זויבערע הערליכקייט, די נאבעלע הייליגקייט.

דער פריידענקער לייקענט אין השגחה, אין שכר ועונש, ער טענה׳ט עזב ד׳ את הארץ, אדער גאר (חלילה) אין אלקים. אזוי ווי זיין וועלט איז פינסטער (משל את הרשעים בדירתם — אזוי ווייזט מען איהם אין זיין מחשבה — וועלט־אנשויאונג) געשטויסען פון אייזען־הארטע, בלינדע געזעטצטע צוועקלאז און זינלאז. זיין לעבען א מיראזש, זיין מחשבה—אויף א רגע אויפבליצענדער פאספאר, זיין ערד א שפיי, אויסגעבראכען און ווידער צוקיים און פערשלונגען (ככלב שב על קיאו) פון׳ם תהום — „אונבעוואוסט." אזוי איז אויך זיין קאמפאניע מורדי אור פלעדער־מייז, וועלכע שרעקען זיך פאר׳ן ליכט. דער פריידענקער טהעארעטיק פריי פון גייסטיגען ליכט, זיין פראקטיקער קין מיט זיינע נאכפאלגער — גע׳הרג׳עט דעם ברודער, בע־גראבען, פערשאטען, און אז דער בעל־הבית פרעגט — אי הבל אחיך ? ענטפערט ער — השומר אחי אנכי ? צאהלסט מיר שכירות איך זאל היטען מיין ברודער ? (געלייקענט אין השגחה.) דער זעלבער מאטיוו פערבלענדעט זיי ביידען, און זאלען זיי זיך ניט איינ׳שמועס׳ען — דער שכל זייערער האט זיך דער חקירה׳ט צו אזא חכמה. דעם שכל לוינט זיך געווים ניט פריי־דענקעריי. ער זיטצט און וויינט אויף זיין בינטעל־יאהרען, פון וואנען מען האט ארויס גע׳גנב׳עט דעם קערענדיל — „לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון" (דעם צו בונד און פערפליכטונג פון׳ם מענשען צו דער אויבער־וועלט — וואס גיט א אינהאלט דעם לעבען) און מען האט איבערגעלאזען דעם ניכטס־ווירדיגען שאלכעטס — מאין באת וכו׳ ולאן אתה הולך וכו׳. גאט האט געבויט זיין פאלאטץ אויף מיסט, האבען זיי חרוב געמאכט דעם פאלאטץ און האבען איבער געלאזען די מיסט. אלזא, פריידענקעריי איז

ניט דעם שכל'ס עובדא. וואס איינעם לוינט זיך ניט זעהט ער נים*) ווער פראפיטירט יע פון פריידענקעריי ? די תאוה. פאר דיזער לעטצטער לוינט זיך אב צו ברעכען אלע צאהמען וואס די געזעלשאפט האט געשטעלט איין־צו־צאהמען דעם ווילקיר פון פרט. אלזא, דער געדאנקען־גאנג פון'ם פריידענקעריי אלס טיפ און כאראקטער — א שטארקער אינדיווידואליטעט (בעל־תאוה) מיט א ניט־שטאנדהאפטען מאראל ד. ה. וואס קען ניט געבען קיין שטארקען מאטיוו פאר'ן לאגיק — ווארום ? איז עס דער בעסטער מאטעריאל פאר'ן פערברעכער.**)

און דעם מענשען פערבלענדעט פון דער תאוה האט קיין זאך ניט אבגע־שראקען. ניט די שלעכטע קאמפאניע, ניט דער געפאלענער יחוס, ניט דער נאס־קאלטער קבר, וואס ערווארטעט איהם מיט זיין ערד, די טרעגעריין פון זיין ציוויליזאציאן און אמבציאן, מיט דעם גאנצען גוואלדיגען מאכט וואס זיין חוש בעגרייפט. דער דאמפף פון דער ווילד־אויפגעברויזטער תאוה האט איהם פער'שכור'ט און ער האט ניט געהערט דעם קול שדי דונערט אין דער אויבער־מחשבה פון'ם מענשען — אם לא בריתי (התורה) חקות שמים וארץ לא שמתי — אהן דער תורה וועל איך אלעם צוריקקעהרען צו תהו ובהו.—הוא הקול אשר שמעתם ! ער האט ניט פערשטאנען און האט פארטגעזעטצט זיין אונגעווינשטע וועג. און דער רבש"ע האט געזאגט „נרדה", איך דער מקור פון אלעם און דו שכל, דער פערוואלטער פון דער וועלט (מראש נסכתי וגו'), נון מיר נידערן, נון מיר אויף א ווייל מוחל זיין אויף אונזער כבוד, זאלען זיי, מ'כלומר'שט שטורמען מיין כסא הכבוד און טרייבען דעם בעל־הבית פון זיין הויז, און פון דיר שכל זאלען זיי אויף א ווילע, רויבען דיין וועלט־בעדייטונג, און בעהויפטען אז דו ביזט דער בר־מזל פון'ם הארן פון אקס און צאהן ביי דער רויב־טהירע. הן עם אחד— איין פאלק — פעראייניגט דורך דער ידיעה. יעדער צופאל, געדאנק אדער ערפינדונג, ואס רעגט זיך אין איין עק וועלט קלינגט גלייך אב אין דער

---

*) יעדער פהיזישער, ווי אויך יעדער פסיכישער, אקט איז קערפער־קאסט לעבענס־ענערגיע. און ווער וועט עס מאכען אומזיסטע הוצאות און בפרט פאר'ן אייגענעם שאדען ?

**) דזשאן מאסליע טרייט צו באקעמפפען דעם פסוק „אמר נבל בלבו אין אלקים" אבער זיינע אלע רייד האט קיין ממשות (ואכהמ"ל)

צווייטער עק וועלט. אלזא, צוזאמען געגאסען דורך'ן געפיהל — קראפט — נערווען. יעדער פראדוקט פראדוצירט אין איין עק-וועלט ווערט איבער־געטראגען אין צווייטען עק-וועלט. — אלזא, צוזאמען געגאסען דורך בלוט־אדערן, עם אחד — איין פאלק, איין גוף — האבען זיי דאך געדארפט פער־שטעהן די ווערדע פון שכל וואס האט דאס אלעס אויפגעטהאן, די ווערדע פון נבואה — די השגה פון כלל-מענש (האדם) פון'ם אב המון גויים, פון גאט פון אברהם, יצחק ויעקב. און זיי האבען זיך איבער-געגעבען צו דער תאוה (עבודה זרה שבלב — זה יצה"ר) עס איז ביי זיי רעכט אלעס צו אפפערן נור צופריעדען צו שטעלען דעם צייטליכען געגום—ונבלה על שפתם.—נון מיר מאכען, אז דער בגד פון דער מחשבה, דער צופעליגער, פערשיעדענארטיגער קלאנג, דורך וועלכען דער איין און דער זעלבער בעגריעף שלאגט זיך ארויס צום דא זיין, דער פערשיעדענער פארב פון דער מחשבה זאל זיין א גענוי־גענדע אורזאכע צו רייסען דעם מענשליכען גוף אויף פיינדליכע שטיקער, וואס שלאגען איינער דעם אנדערען צום טוידט.

זיי ווילען זיין חיות? — זאלען זיי עס זיין, און דו שכל העלף זיי אין דעם אויף דיין שכל-מלאכים שטייגער. צעהנער און נעגעל בעשאף אין זיי, און בייזקייט גיס אריין אין זיי פון אבסטראקט-הימלישען מאכט, זאל אויפקאכען ים און יבשה און לופט און זאלען זיי שפייען מיט טוידט און פערניכטונג אויף'ן מענשען און זיינע וואונדער-מעשים אויף דער וועלט. זאל אבקלינגען אין דורות דער מעשה-שטן פון די וואס האבען אבגעריסען די געטליכע פאטער-אויג פון'ם מענשען און האבען געמאכט קעניגען איבער איהם די תאוה — כי נפת תטפנה שפתי זרה (אפיקורסות) וגו' ואחריתה מרה כלענה וגו'. און דער רוטה פון'ם איינגע'רוגז'טען פאטער אין הימעל — די מיליאנען אלמנות און יתומים, פערצעהרט פון הונגער, נויט און שווערד, די מיליאנען צוקאליעטשעטע, צוקריפעלטע יונגע בליהענדע קערפערס — וועלען מיט פחד דערמאהנען דעם מענשען — כי רע ומר עזבך את ד' אלקיך וגו'!

נאכווארט.

מאנכע קענען מיינען, אז אלע מיינע רייד זיינען מעהר ניט ווי דרש וקבל שכר. — דארף איך זיי מוסר מודעה זיין אז מיינע רייד זיינען שטרענג לאגיש. די אנערקענונג פון די לעטצטע דענקער דעם מענש אלס חיה, און דעם שכל אלס פעהיגקייט צו פערזיכערן דעם מענשען זיין צייטליכען עקזיס־

טענץ — האט פערשטעלט די אמת'ע בעדייטונג פון שכל, זיין מקור און צוועק, זיין מאראלע, געזעלשאפטליכע בעדייטונג, און האט נויטווענדיגער־ווייזע געמוזט פיהרען צו דער שרעקליכער וועלט־קאטאסטראפע. דער וואס מיינט, אז צופעליגער־ווייזע, בלויז דורך די נאבעלקייט פון נבואה, האט זי פאראויסגעזעטצט אלס ענדליכען אידעאל פאר דער מענשליכער ענט־וויקלונג — דעם וועלט־פריעדען (לא ישא גוי אל גוי חרב וגו'). און מען קען צוזאמען צעפען וועלט־פריעדען מיט א פערקעהרטע פון אידעשקייט וועלט־אנשויאונג — האט ער א טעות. דער פרוכט מיט'ן בוים קינדער דער נאטור האבען א נאטירליכען צוזאמענהאנג. דער וועלט־פריעדען און די אידישע־וועלט אנשויאונג קינדער פון גייסט — האבען א לאגישען צוזאמענ־בונד.

דאס אלעס איז בע"ה ריכטיג ערקלעהרט אין מיינע העברעאישע ספרים (ואכהמ"ל).

די ריכטיגע וועג.

(אנ'אבהאנדלונג)

עמדו על דרכים וראו ושאלו לנתיבות עולם, איזה
הדרך הטוב ולכו בה (ירמיה ו' ט"ז).

דער, וואס קוקט זיך צו צום טרויעריגען צושטאנד פון אידעשקייט אין דער פרייער לאנד — אמעריקא, מוז זיך שטעלען די פראגע — הכלה אתה עושה את שארית ישראל — איז טאקע דער גורל פון ישראל פערשלאסען ? — זיי וועלען זיך לאנגזאם צושמעלצען און פערזינקען אין דער גוי'אישער סביבה, ולא יזכר שם ישראל עוד — און אוים מיט'ן אידען ? אויב ניט, וואו איז די רפואה צו דער מכה ?

עס איז געווען א געשיכטע, — א מענש, לא לנו, האט גע'חלש'ט, איז אהנמאכט געפאלען. מענשען רחמנים זיינען צוזאמענגעלאפען, זיי זעהן פאר זיי ליעגט א מענש געפיהל-לאז — זעהט ניט, הערט ניט, פיהלט ניט א. ז. וו. אין גוטע עצות איז קיין מאהל קיין מאנגעל ניטא. דער אויגען-דאקטאר זאגט — דער גאנצער אונגליק נעהמט זיך פון דעם וואס ער זעהט נימ, דער אויערן-דאקטאר זאגט — פון דעם, וואס ער הערט ניט. דער שפראכען-קענער זאגט — מען דארף פאנאנדער שאקלען זיין פערגליווערטען, פערשטארבענעם צונג. נאך איינער זאגט — מען דארף אין זיין מח אויפוועקען אלטע זכרונות. זעלבסט-פערשטענדליך, אז דיזע אלע קאלטע רפואות האבען זיך ארויסגעצייגט נוטצלאז און ווערטהלאז ווי זיי זיינען, און דער קראנקער זינקט אלץ טיעפער אין זיין היון-הער-פלעט. ביז עס איז געקומען דער רופא פאר אינערליכע קראנקהייטען און האט ארויסגעזאגט דעם ריכטיגעןווארט — מען דארף צוריקקעהרען חיות צו זיין הארץ ווטט אלעס אין איהם אויפלעבען.

גרויסע איבלען זעהען מיר צווישען אידען די לעטצטע צייט. אלע זיילען פון יודענטהום — שבת, כשרות, טהרת המשפחה א. ז. וו., זיינען אויפ־געטרויסעלט. אלעס וואס איז אונז הייליג און טהייער, די אלע גייסטיגע אוצרות, פאר וועלכע אונזערע עלטערען האבען זיך מוסר נפש געווען, פון וואנען אונזערע עלטערען האבען געשעפט מוטה און כח צו בעקעמפפען א וועלט מיט שונאים — דאס אלעס ווערט פערלאכט און פערשפאטעט פון שפל'ע נפשות, פון די וואס פערקויפען זייער נשמה פאר א לעק־חמר, פאר א זופ־לינזען.

און די מכה איז עקעלהאפט, זיי אייטערט מיט שונד און שמוטץ־לי־טעראטור, מיט עם־הארצ'ישען רעפארם, און מיט הפקר־פעטרושקע, אלזא, מכף רגל ועד ראש אין בו מתום — פול מיט וואונדען. אבער וואס שרעקלי־כער פון אלעס — דער גרויסער המון קוקט אויף'ן געפעהרליכען קריזיס אין יודענטהום מיט אזא אונפערצייהליכען קאלט־בלוטיגקייט. בכן פער'חלש'ט אויך.

און דער צושטאנד דראהט מיט געפאהר, און אין וועמענס נשמה עס גליהט נאך א פונק פאר אידעשקייט, עס קלאפט נאך א נערוו. און ווע־מענס געפיהל פאר'ן לעבען איז טיעף און ערענסט געגוג ניט צולאזען זיך אבנארען פון אבערפלאכליכקייטען — דריקט אויף זיין הארץ ווי א קאשמאר די אונזיכערע ערווארטונג.

פערשיעדענע רפואות ווערן פארגעשלאגען און אויך אנגעווענדעט, אבער אהן ערפאלג. אידעשקייט ווערט ניט שטארקער נור שוואכער, און די גרויסע הארץ קיהלט און דראהט מיט'ן טוידט.

ניט איין קריזיס האט שוין דאס אידישע פאלק דורכגעמאכט און איז ארויס מיט א גאנצען קערפער און א אבגעפרישטע נשמה (ויבא יעקב שלם — שלם בגופו, שלם בממונו). די רפואה בדוקה אבער וואס איז דאן אנגע־ווענדעט געווארען ווערט יעטצט צום בעדויערן, פערקוקט — „תנה לי יבנה וחכמיה", והגית בו יומם ולילה — תלמוד תורה איז עס די הארץ פון יודענ־טהום, און עס טהאר קיין מינוט ניט אויפהערען זיין פשוט'ן ריטם. דער עקר קראנקהייט און דער מקור צו אלע אונגעווינשטע ערשיינונגען איז מחנה־ישראל איז נור וואס דער קול יעקב איז פערשטומט.

די איינציגע רפואה פאר'ן אידען — לערן תורה ! ווער זאל זיין דער רבי ?

אשריך — וואויל איז דיר !

דער גליק איז א פיעל געזוכטער ארטיקעל. יעדער מענש וויל גליק פאר זיך, פאר זיינע קינדער און פאר אלע זיינע גוטע פריינד. אין וואס בעשטעהט אבער דעם מענשענס גליק? אין דעם זיינען שוין מחולק צוויי יצחק׳ס קינ־דער מיט זייערע תלמידים און תלמידי תלמידיהון — בית יעקב און בית עשו.

בית יעקב ערקלעהרט דעם גליק פון מענשען: „פת במלח תאכל וכו׳ ובתורה אתה עמל״ ד. ה. פיהר אראפ דעם קערפער אויף זיין מינימום בעד־דירפנים — קוים, אויסקומענעס, דערפאר אבער ובתורה אתה עמל — דער שכל דיינער זאל זיך באדען אין לוקסוס — היד ד׳ תקצר — איז ביי גאט עפעס אונמעגליך? הרחב פיך (בקשתך) ואמלאהו — בעט וואס דיין הארץ געלוסט. — השארת הנפש, תחית המתים. הקב״ה עושה ראש חולה לצדיקים לע״ל, נאם ד׳ לאדוני שב לימיני, אי בעו צדיקי ברו עלמא, אני אמרתי אלקים אתם וגו׳. אין קורצען — דער מענש איז די רעכטע האנד ביים כביכול. ואתא הקב״ה ושחט למלאך המות — אלזא, דער מלאך המות מיט זיין גאנצע באפטע אויסהעלפער — קראנקהייטען, יסורין (ר״ל) ליעגען אלע געקוילעטע פערניכטעטע*)

אם אתה עושה כן — אויב דו טהוסט אזוי? — אשריך בעולם הזה — גליקליך ביזטו אין׳ם עולם־הזה׳דיגען טהייל אין דיר. דער, דוכט זיך, בע־ליידיגטער צייטליכער טהייל אין מענשען — דער גוף פיהלט זיך בעקוועהם, געמיטהליך. דער דיסציפלינירטער, פערהארטעוועטער קערפער איז בע־שיטצט פון נוצלאזע עמפפינדליכקייט און איז ניט אונטערוואָרפען צו נער־ווען חלאת׳ן א. ז. וו. וטוב לך לעוה״ב — דער אייביגער וועזען אין דיר — דער שכל פיהלט זיך הויך, ניט דערגרייכבאר פאר אלע צייטליכע צופאלע.

---

*) עס איז דאך אבער בלויז דמיון פאנטאזיע און ערבך ערבא צריך. ווער עס מיינט אבער אז דמיון איז הפקר — ווער עס וויל נעהמט עס, האט ער א גרויסען טעות. הינטער דמיון מוז שטעהן א מאכט. הינטער די אונ־באמערקטע שטריכען אין׳ם אייבעל־נוס איז פערשטעקט דער מעכטיגער דעמב מיט זיינע שטאהלענע וואָרצלען און צווייגען. וואס איז דער מאכט וואס שטעהט הינטער די אביגע מאמרי חז״ל און מאכט עס פאר א נאטיר־ליכע מעגליכקייט און לאגישען „מוז״? ווערט ערקלעהרט בע״ה אין מיינע העברעאישע ספרים (ואכהמ״ל).

און דער צאָהן פון דער צייט, שארף גענוג איבער צובייסען מאוים'דיגע פעלזען־בערג ווי דינע שטרוי, זיינען טעמפּ פאַר זיין מעז־צור־ישועתו, פאַר זיין געטליכען בטחון — השארת הנפש.
אשריך — גליקליך ביזטו !

„לא מצא הקב"ה כלי מחזיק את הברכה אלא השלום", „אם אין שלום אין כלום". מיט שלום איז אַלעס, אָהן שלום, חלילה, איז גאָר נישט. אָבער נור תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם. שלום קען געמאָהלט זיין נור ביי בני תורה. דיזע לעטצטע בעשרענקען דעם קערפּער, וועמענס אויפהאַל־טער און הנאה־פּערזאָרגער זיינען געמאָסטען און געוואויגען און אויף יע־דער טראָפּפּען חמר שטעהן שלינגערס (בלענים) און שמייע פּאַלט זיי פון די מיילער. בכן וואו די קאָנקורענץ און קאמפּף איז היים און שטאַרק זיינען זיי נאָכגעביג (שייף עייל שייף נפיק). זייערע לא תשבענה — זייערע אונ־ערזעטליכע חושים און תאות זיינען געוועגדעט צו דער אונבאַגרענעצטע שכל־וועלט (וגרים באורייתא תדירא) וואו עס איז קיין קאָנקורענץ ניט מעגליך — רבא אילנא ותקיפא ומזון לכלא בה. ע"כ דברי בית יעקב.

בית עשו זאָגט אָבער פערקעהרט — „וואָס מעהר אַ מענש פערברויכט איז עס א סמן פון הויכע ציוויליזאַציאָן" (אַ הויכער סטענדארט פון לעבען) דיזער שפּרוך איז דער וואָרצעל פון'ם אונגעהויערן לוקסוס אין דער מאָדער־נער געזעלשאַפט. דאָ איז דער „אשריך" אַ פערקעהרטער. עס איז אַנ'אונ־גליק פאַר'ן קערפּער — די איבערטריבענע עמפּפינדליכקייט טרייבט אַ מענ־שען צו משוגעת און זעלבסט־מאָרד ביין ערשטען דורכפאַל אין לעבען. דער נאָכגעגעבענער, פערצערטעלטער קערפּער איז אויסגעזעטצט צו אַלע מינים תלאת'ן. די „לא תשבענה" די אונערזעטליכקייט פון די חושים און תאות איבער דעם בעגרענעצטען חמר וואַרפּט דעם מענשען אין אייביגע יאָגענעס, כאַפּענעס און קאַמפּף. אַזאַ וועגדונג אין לעבען איז אַ צרה פאַר'ן קערפּער און אַנ'אונגליק פאַר'ן נפש. פאַר'ן טהייל אייביגקייט אין מענשען (שכל) והיה בית עשו לקש — דער הנאה־לעבען פון עשו איז ווי שטרוי, ווען עס ברענט לייכט עס און וואַרימט. אָבער איין ווײלע — און עס בלייבט אַ באַרג אַש — אין גחלת לחמם. דער שכל, וואָס פערלויפט פריהער, וואָס קוקט אויף אַלעס ווי לאחר המעשה, זיטצט ביי די עולם־הזה'ניקעס פער־שטעקט אין אַ ווינקעל און בעדויערט דעם איבער־געפּוּלווערטען לעבען.

דאס אלעס איז אבער דעם שכל׳ס טענות מיט זיין הארטען, טרוקענעם לאגיק. יעקב מיט עשו׳ן אבער קוקען אויף׳ן לעבען פון פערשיעדענע שטאנד־פונקטען. בית יעקב זאגט, טראכט (והגית בו יומם ולילה) נור ניט האב הנאה (ולא נהניתי מן העולם אף באצבע קטנה) בית עשו זאגט — האב הנאה נור ניט טראכט.*)

„ויתרוצצו — היו מתרוצצים ומריבים בנחלת שני עולמות" ד. ה. יעקב מיט עשו׳ן האבען זיך געאמפערט פאר די צוויי וועלטען, צום ענדע זיינען זיי געקומען צו א פערשטענדניס — א פשרה. יעקב האט גענומען עוה"ב, ד. ה. צו אנווענדען די טהעטיגקייט און לעבענס־ענערגי צו ענטוויקלען און ברענגען צו זיין פאלקאמענהייט דעם אייביגען וועזען אין מענשען — דעם שכל, וואס קומט אין בעציהונגען מיט די אייביגע יסודות פון דער וועלט — דער באשעפער מיט זיינע הייליגע מלאכים — אבסטראקטען. און עשו האט גענומען עוה"ז בו בעזארגען דעם געפיהל־לעבען (חוש), דעם צייטליכען עקזיסטענץ. אויף דיזען פונקט קענען מיר זעהן די פערשיעדענע וועגדונגען אין לעבען. האלט איינער פון בית יעקב א משניות, א חובת הלבבות, א חיי אדם א. ז. וו. אין האנד. — פרעגט בית עשו: וואס פאר א הנאה האסטו דערפון? פערברענגט איינער פון בית עשו זיין צייט אין א טהעא־טער, אין א צייטונג, א ראמאן א. ז. וו. פרעגט בית יעקב: „וואס האסטו דערפון? דו מאכסט דאך פון דיינע טעג און יאהרען א בארג אש, איבער־געברענטע שטרוי, א ניכטס־ווירדיגקייט, שיקט איינער פון בית יעקב זיין קינד אין חדר, אין דער ישיבה לערנען תורה, פרעגט בית עשו — צו וואס? ער וועט מאכען א לעבען פון חדר? שיקט איינער פון בית עשו זיין קינד לערנען שפראכען, קענטעניסע, צו זיין א דאקטאר, אינזשעניער א. ז. וו. פרעגט בית יעקב: נו, אז דיין זוהן וועט שוין עסען א פעטע שטיקעל חזיר, ער וועט פאהרען אין אן אטאמאביל אום שבת — וועלען זיך דיינע ביינער פרעהען אין קבר? דו פערקויפסט דיין בכורה, דיין אמונה, דיין האפנונג פאר א זופ־לינזען — נאכגעבען די אויג מיט׳ן גומען א. ז. וו.

---

*) אין ערשטען פאל איז עס אן עקסטרעם צו דער זייט פון שכל אין לעטצטען צו דער זייט פון חוש, דאס שטאמט פון׳ם געזעטץ פון דיפפע־רענציאציאן וואס הערשט אין יעדער ארגאניזאציאן אין געזעלשאפט ווי אין קערפער (ואכהמ"ל).

אויף דיזען וועג איז שוין געלעזט די פּראָבלעמע — ווער זאָל זיין דער רבי ? ביי בית יעקב, וואָס שטעהט אין שכל, וואָס וויל זיך פערדינט מאַ־כען ביי גאָט, אשר בידו נפשות החיים והמתים, דער הערר פון אייביגקייט און קיום — דיזער זוכט פאַר זיך אַ רבי אמרא דשמעתתא, אַ בעל הלכה, אַ מופלג בתורה, אַ גרויסען ירא־שמים. בית יעקב פאָדערט פון זיין רבי קיין רעדנער־קראַפט און נאָך אַזעלכע מעלות וואָס מאַכען אַ מענשען פּאָפּו־לער. מעלדעט אייך — אַ מענש שטעהט ביי אַ בריק וואָס ער מוז אריבער געהן, און ער וויל וויסען אויב ער איז זיכער פאַר זיין לעבען, וועט ער זוכען פאַר זיין וועג־ווייזער אַ בעל־מליץ ? ער דאַרף נור וויסען אויב ער איז דער מרא דעובדא, דער ריכטיגער וועג־ווייזער ער זאָל, חלילה ניט אַראָפּ בלאָנזשען, און ניט אריין פאַלען אין'ם שטרוימיגען וואַסער פון דער צייט וואָס פערשווענקט און פערזינקט.

בית עשו אָבער, וואָס זיין איינציגער צוועק אין לעבען איז — הנאה. וואָס זיין גייסט איז ניט מעהר אַלס ראַפינירטער חוש, דיזער זוכט בלויז אַ גוטען רעדנער, אַ גוטען שרייבער, וואָס איהם זאָל זיין „געשמאַק" צו הערען אָדער צו לעזען. איהם קימערט וועניג וועגען דעם יראת־שמים אָדער זאָגאַר וועגען דעם מאָראַל פון'ם שרייבער אָדער רעדנער.*)

ווער זאָל לערנען ?

יעדער איד !

צוליעב וואָס זאָל מען לערנען ?

---

*) עס איז קיין פראַגע אַז ניט גוט און ניט אידיש טהוען יענע „ארטהאָדאָקסישע" רבנים, וואָס געהן אויסנעהמען ביין עולם מיט וויטצען, געלעכטער און בדחנות. זייער פפליכט איז אָנצוצייגען דעם עולם אויף'ן שטיק פערברעכען, וואָס ער בעגעהט אַנקעגען גאָט און זיין תורה, מיט דעם וואָס ער פערברענגט זיין פרייע מינוט אויף צייטונגען, און קיבעצערס אַנשטאָט תורה און מוסר. אַנשטאָט דעם גיבען דיזע רבנים זייער הסכמה אויף'ן דרך חטאים און מושב לצים ועתידים ליתן את הדין. ועתה אל תתלוצצו פן יחזק מוסרכם. כל המתלוצץ יסורין באין עליו. מי יודע — פיעלייכט עסען מיר שוין פינף יאָהר די ביטערע פרוכט פון יצחק ערטער און „שלום עליכם" און שולדיג אין דעם איז אַלס די זעלבע הנאה.

בשביל שאזכה לחיי עולם הבא, ווי דיין טאטע האט געלערנט, ניט בעפעפערט, ניט בעפוטצט מיט אויסגעבארגטען פון פרעמדע מקורים אידע־אליזמוס. ניט כדי צו רעטען אידעשקייט פון אונטערגאנג, ניט כדי אויף צו האלטען דיין נאציאן א. ז. וו. נור פשוט פון דיינט וועגען. צו בעוואהרען דיין נפש — דו זאלסט האבען א פעסטען אנהאלט ביי א תאוה־דראנג אין צייט פון גליק און ערפאלג, און א גאט צו וועמען מתפלל זיין אין צייט פון נויטה. צו האבען כנפי השכינה וואו צו בעהאלטען די נשמות פון די וואס זיינען דיר געווען ליעב און טהייער און דער טוב מאד זה המות האט זיי פון דיר אוועקגעריסען (ר"ל), צו האבען א זיכערע האנד (אשר בידו נפשות החיים והמתים) וואו צו בעהאלטען דיין מינוטען־לעבען פון'ם שלונד פון פערגעהן. דו ביזט ניט געשיקט צו ראטעווען וועלטען — עס איז ניט פאר דיין כח, דיין אייגענע עלענדע שיפעלע — היט! דאס אלעס, בשביל שאזכה לחיי עולם הבא, לישב בסכת עורו של לויתן. „זכאין כד שמעתון שבח דא שירתא קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא".

צוליעב וואס זאל מען לערנען? צוליעב עולם הבא און תחית המתים. כל מי שיש בו אור תורה, אור תורה מחייהו וכו' (זעה הערה א' אין ענדע פון דיזען ארטיקעל).

וואו נעהמט מען אבער די פעסטע אמונה פון אונזערע עלטערען?

כל הכופר בע"ז כמודה בכל התורה כלה. עס איז קיין פשרה, קיין מיטעל־פונקט צווישען עולם הזה און עולם הבא. ווען א מענש איז בלויז איבערצייגט אין די נישטיגקייט פון די קערפערליכע הנאות און צייטליכע פארציגע. יענער מוז מודה זיין אין די מציאות פון עולם הבא (יענע וועלט) און גלויבען אין איהר. אדם יסודו מעפר וכו' דער מענש איז א ליימענער קריגעלע, מיט א שוואכען וויעדערשטאנד אויסגעזעטצט צו אלע געפאהרען. עולם הזה דומה לפרוזדור, דער עולם השפל איז א צייטווייליגער דורכלויף. דיזע צוויי אונבעשטרייטבארע אמת'ן זיינען עס די מלאכים, וואס לייטען דעם מענשען און ערמונטערן איהם צו זוכען און מאהנען און אויך געפינען עולם הבא ביי דער מוטער תורה. און זאלען זיך די חצפה'יסגי'ניקעס ניט האלטען פאר חכמים — על כרחך אתה נוצר, ווען דער בורא ב"ה האט געדארפט גוזר זיין אויף דיר חכם או טפש וכו' האט ער דען דיין מיינונג געפרעגט? ועל כרחך אתה נולד — ווען דו האסט געדארפט ארויסגעהן אויף דער ווייסער וועלט האט מען דען דיין ערלויבענים געבעטען. ועל כרחך

אתה חי — דיין לעבען איז אין זיין האנד א פשיטא דיין מחשבה. בכן — ער גיט אין דיר דיין מחשבה לויט דיין פערדינסט. ביזטו זוכה — גלויבסטו (זאגט מען דיר צו) ביזטו, חלילה, ניט זוכה — גלויבסטו ניט (ענטזאגט מען דיר) און די וועג צום אמת'ן גליק דער דרך התורה והמצוה איז גלייך און אויסגעטראטען (נתיבות עולם) און בעצייכענט „מקלט" „מקלט" פון אונזערע קדושים ותמימים, „כי אתה גחי מבטן מבטיחי על שדי אמי" זאגט דוד המלך, אלס אונבעהאלפענע קינד ביזטו ניט ארויסגעווארפען געווארען אויף הפקר — מען האט דיך בעזארגט מיט ליעבענדע הענד און זארגפעלטיגע הערצער — פאטער און מוטער. כי מלאכיו יצוה לך וגו' מען האט בעזארגט דיין קערפער מיט פיהלבארקייט איהם זאל וועה טהאן ווען ער טרעט אריין אין א ניט גינסטיגע פאר זיין קיום סביבה. און מען האט דעם גייסטיגען וועזען אין דיר אויך בעזארגט מיט פיהלבארקייט דו זאלסט ניט אראפ בלאנדזשען פון וועג. דאס איז דער וועה, דער בטול־היש וואס דו פיהלסט ווען דו צווייפעלסט חלילה. — דאס רייסען שטיקער פון דיין נפש, די מלאכי חבלה אין וועמענס וועג דו האסט זיך געשטעלט. און דאס איז דער רוח חן וואס איז פערגאסען אויף דיין לעבען און וועלט, ווען דו גלויבסט, דאס זיינען די גוטע מלאכים, וואס בעגלייטען דיך בזה ובבא. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב וכו' אלא תורה ומעשים טובים בלבד.*)

זיי נור ניט פרעה, און וועק אויף זיך ניט דעם מדת הדין מיט דער חצפה'דיגער פראגע — „מי ד' אשר אשמע בקולו?" פרעג ניט — ווער איז גאט און וואס איז זיין וועלט? בעטראכט נור — ווער ביזטו? לא זכה אומרים לו יתוש קדמך. קען די פליעג זאגען, מיין אויג איז געשליפען גענוג איך וועל בעגרייפען די גרויס פון דער זונן. און דער אונגעהויערער מרחק צווישען דיר און צווישען גאט איז ניט נור אין כמות (הוא מקומו של עולם) נור אויך אין איכות. קענסטו וויסען גאט (אלו ידעתיו הייתיו) קענסטו וויסען די וועלט (אלו ידעתיו בראתיו) ביזטו א גאט און א באר־

---

*) עושה אדם מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד וכו', אם הראשונים כמלאכים וכו', אונזערע חז"ל בעלי רוח הקודש האבען געזעהען מלאכים, מיר הדיוטים גענוג פאר אונז צו זעהן די מחיה'דיגע פינטעלע, וואס די מצוה געבוירט אין מח און מאכט אונז גלויבען אין גאטעס גוטסקייט. אין טוב אלא תורה.

שעפער? ואנכי תולעת ולא איש וגו' איך בין ווארים—שוואך, זאגט דוד המלך. ד', לא גבה לבי וגו', ולא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני, אם לא שויתי ודוממתי נפשי כגמול עלי אמי, — שוואך, אונבעהאָלפען ווי אַ קינד, אָבער אויך צוטרויפול ווי אַ קינד. אָט דאָס איז דער איד, און דיזער איד האָט עס געבוירען משה רבינו — ענו מכל אדם און „ווי קליין איז דער באַרג סיני ווען משה איז אויף איהם געשטאַנען" (היינע).

זיינען דיין פאָטער און מוטער געווען גוט צו דיר ? — געוויס ! וואָרום ? — ווייל דו ביזט בשר מבשרם אַ טהייל פון זייער מהות און אדם קרוב אצל עצמו. דו ווייסט פון'ם באַשעפער די חיה ניט. — וואָרום ? — ווייל דו ביזט בעשאַפען בצלם אלקים, אַ חלק אלקי ממעל — אַ טהייל פון'ם געטליכען מהות. און ווען דו בעטראַכטס, אַז דו געהסט לאַבוד, דער עץ הדעת וויזט דיר אַז מות תמות (אפילו מאה פעמים) אַז יעדער מינוט שטאַרבסטו אָב, יעדער מינוט לויערט אויף דיר אַ מחנה מלאכי חבלה (אינהו נפישי מינן) און אַ שווערד אין יעדערענס האַנד און אַ טראָפּפען גיפט אויף'ן שפּיטץ פון שווערד, און דו ווייסט ניט ווען וועט דיזער טראָפּפען אַריין פאַלען אין דיין מויל — ווען דו עפענסט איהם צו לאַכען? צו עסען? צום טרינקען א. ז. וו. ווען דו בעטראַכסט עס טרויערסטו דען ניט אויף דיין מתנה דעם שכל? און ביזט מקנא דער חיה, דער בהמה, וואָס איהר מינוט לעבען איז ניט פּגום, ניט פערגיפטעט פון'ם פּאַרגעפיהל. אָבער לא לרעתך נתתי לך את התורה (די בעדירפנים אין תורה) אלא לטובתך, דער בורא ב"ה איז אַן ערבאַרמיגער פאָטער, ער האָט דיר געלאָזט וויסען וועגען דיין חמר־לעבען, אַז ער איז צייטליך און דיין קערפּער אַז ער איז לייזיג און ניכטס־ווירדיג דיר אויפמערקזאַם צו מאַכען, צו צווינגען דיר צו זוכען דעם אייביגען פונק וואָס איז בעהאַלטען אין דיר פאַר דער ליכט פון תורה ומצות (כי נר מצוה ותורה אור) פיל אַן דיין האַרץ מיט חסד און רחמים, וועסטו זיין איבערצייגט אַז דיין פאָטער אין הימעל איז מלא רחמים. מאַך דיין לעבען וויכטיג און נוטצליך וועסטו זיין איבערצייגט אַז דיין וויסען פון די ניט זיכערהייט פון עולם השפל איז ניט נוטצלאָז. דער קול פון בורא ב"ה שרייט צו דיר פון אַלע פעדימלאַך פון דיין האַרצען אַז ניט דער עולם השפל איז דיין אָרט, נור די אייביגע ספערע פון תורה און מעשים טובים*) די וועלט איז

*) דער מענש איז זעלבכט בעוואוסט די חיה ניט. ביי דיזער לעטצטער

ניט דיינע (הכל בידי שמים) אבער החנות פתוחה און דו האסט די מטבע אין האנד (יראת שמים) און דו קענסט קויפען וואס דיין הארץ געלוסט און ערגרויכבאר פאר דיין דמיון. ומשביע לכל חי רצון. היפלא מה׳ דבר? הרחב פיך (בקשתך) ואמלאהו.

ווען זאל מען לערנען?

יעדער פרייע מינוט. אשרי האיש אשר לא הלך וגו׳, ובמושב לצים לא ישב וגו׳. די כלי געהערט צו דעם וואס האט זי געמאכט. דער מענש איז ניט זיין אייגענער בעשאף און זיין טיש האט ניט ער אליין פאר זיך געגרייט. על כרחך אתה נוצר — דו ביזט אליין ניט געקומען אויף דער וועלט, ביזטו דער אייגענטהום פון יענעם וואס האט דיך געבראכט אהער. מען פרעגט דיך ניט ווי לאנג דיך צו האלטען אויף דער וועלט, — אלזא, איז די צייט אויך ניט דיינע. — תן לו משלו שאתה ושלך שלו. דו מיט דיין צייט געהערען צום בעל הבית און מיט זיין רצון מוזטו זיך רעכענען — ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון — דו וועסט מוזען אבגעבען רעכענונג, וואו האסטו פערלארען דיך מיט דיין צייט. איין מינוט פערבראכט אויף גאר נישט, אויף וואס עס איז ניט גע׳חתמ׳עט בגושפנקא דמלכא — איז עס א גזלה. גוזל אביו (הקב״ה) ואמו (התורה) וגו׳ חבר הוא לאיש משחית (נפשו) איז עס א טהייל־ווייזער זעלבסט־מארד.

ווייסט איהר, ברידער, ווארום איז שבת מלכתא מיט איהר זויבער׳ע כנופיא מלאכי השרת — גייסטרייכע זעעלען־רוהע, זויבערע הייליגקייט, בעגייסטערונג (התרוממות הנפש) נשמה־יתרה מיט איהר קלאהרע רוחניות, צוטרויפולע גן־עדן טרויסט. ווארום איז שבת מלכתא, די הערצענס־קעניגין מיט איהר מעין־עולם־הבא־געפיהל אוועק פון אונז, און האט אונז געלאזען פערזינקען אין מ״ט שערי טמאה — אין ראסטלאזען יאגענעם נאך א שאטען פון פאלשען גליק, צו הארעווען פאר א פרעמדע אונדאנקבארע וועלט, פאר׳ן קאלטען זעעלענלאזען דאלער (אין מלוין לו לאדם וכו׳.)

ווערט אויסגעפיהלט דער בעוואוסטזיין פון אינערליכע פערלאנגען און אויסערליכע איינדריקע. דער מענש טראכט וועגען זיך אזוי ווי פון אנ׳אויסערליכע מציאות. דאס שטאמט פון׳ם מהות פון שכל א כלל־זאך. בכן דער שכל **איז ניט קיין קערפער און ניט קיין צייטליכקייט, נור דער אבסטראקטער** כלל און אייביגקייט. (ואכהמ״ל).

ווייסט איהר וואָרום ?

למשל :

דער גרויס געלעהרטער מאַן, דער חד בדרא, ראַנגט מיט זיין חכמה און צדקות גאַנץ הויך איבער'ן נידעריגען שטח פון'ם המון. ער קומט אין אַ שטאַדט — מיט וועמען קען ער זיך צונויףריידען ? ווער קען איהם פערשטעהן און אָבשאַטצען זיין ווערטה און וויכטיגקייט ? ניט די אָרימע ערד־אַרבייטער און בעלי־מלאכות, וועלכע די נויטבעדירפטיגקייט, די דאגת השעה רויבט זייער גאַנצע צייט, פעהיגקייט און ענערגי. ניט זיי נור די לערך פרייע מענשען, בעזאָרגט מיט פרנסה, דער רייכערער קלאַס, וואָס האָט צייט זיך אָב צו געבען מיט מח־אַרבייט. ווען אָבער דיזער קלאַסס־מענשען זיינען לעדיג־געהערס, הנאה־זוכער, ליצנות־טרייבער און גיבען זיך אָב מיט נאַרישקייטען — מיידעט זיי יענער חכם אויס און קומט ניט אין זייער שטאַדט.

די מטרוניתא־פּרינצעססין שבת־מלכתא, די חמדה־גנוזה, דער פּאַר־געפיהל פון מלאכים ספערע, די נחמה פון די אָנגעזאָפּטע מיט צרות ששת ימי המעשה, ווען זי קומט אין מחנה־ישראל — מיט וועמען קען זי זיך צונויף ריידען ? בלויז מיט די פרייע מינוטען פון דער גאַנצער וואָך. ווען אָבער די פרייע מינוטען ווייסען נור צו דערצעהלען פון קאָרטען־שפּיעלען, פון אונזויבערע ליצנות אונטער־געזעהן און אונטער־געהערט אין די טהעאַ־טערען, ראָמאַנען און קיבעצערס א. ז. וו. זאָגט די איידעלע בת־מלכא־שבת : „עס שמעקט דאָרט עפּעס צו איבעלדיג, זאָל שוין בעסער אַהין געהן דער שכור'ער זונטאָג".

די פרייע מינוט ר' איד פערבערענג ניט וואו מען דאַרף ניט. די פרייע מינוט איז גאָר ניט הפקר זי איז דער אייגענטהום פון'ם בעל הבית פון דיין לעבען, און ניט ווינש מען זאָל דיר אריינרוימען אין אויער. אז דו ביזט נישטיג, אז דער טרקלין איז פאַר דיר פערשלאָסען און ווי אַ נבלה סרוחה וועט מען דיר ארויסוואַרפען פון פרוזדור אויך...

מיינט שוין דאָך דער איד ער איז שוין יוצא קומט נאָך אַ פּסוק און קלאַפּט אויף דער טהירעלע פון האַרצען — והגית בו יומם ולילה, דו מוזט לערנען טאָג און נאַכט. דו ווילסט מען זאָל דיר צו זאָגען פון הימעל (דו זאָלסט גלויבען) עולם הבא און תחית המתים — לערן תורה, לא פסק פומיה מגרסא. כל מי שיש בו אור תורה, אור תורה מחייהו וכו', דער ליכט פין

דער תורה, דער שטראהל פון דער אויבער־וועלט מוז דורכלייכטען יעדער מינוט פון אידענס לעבען, יעדער קווינט טהאטיגקייט, בלויז דאן ווערט די נשמה פעראייביגט, ריין פון פסלת, איינגאפסט אין'ם כתר שם טוב און בעהאלטען אונטער כסא הכבוד. (ובא ואראך דוגמתו בעולם הזה — דער בלאנדזשענדער שטראהל פון דער חמר־זונן, פערזונקען אין'ם גינסטיגען שטאף, ווערט געפאנגען און פעראייביגט אין'ם דימאנט).

דער חמר בעט דאך אבער זיין חלק, הרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם לא נתנה תורה אלא לאוכלי המן, מיר אבער מוזען מיט שוויים און מסירת נפש פערדינען אונזער ברויט, ווי אזוי זשע קענען מיר צושטייער קומען אזא הארבען פסוק — והגית בו יומם ולילה, לערנען טאג און נאכט? מצאתי להם תחבלה זאגען די חז"ל עס איז פאראן א מיטעל — שטיטצען לערנערס.

אונזערע עלטערען נוחי עדן האבען עס געפראקטיצירט אויף'ן גרויסען שטייגער — שמעון אחי עזרי' יששכר און זבולון. אין אונזער אלטער היים איז ניטא א אידישע קהילה גרויס אדער קליין זי זאל ניט אויסהאלטען לומדי תורה, ישיבה בחורים, פרושים. דא אין אמעריקא האבען מיר פערנאכלעסיגט אונזער מקור חיים — לעבענס־קוועלע. אלע צדקה־אנשטאלטען — הכנסת אורחים, גמילות חסדים, האספיטעלער, בתי יתומים, מושב זקנים א. ז. וו. בליהען און געדייהען אונטער דער פרייגעביגער, נאבעלער אידישער הארץ, פאר אלע אברים דאגה'ט זי, דיזע ברייטע און בעזארגטע הארץ בלויז זיך אליין, איהר איינציגע נאהרונג און לאבונג, האט זי פערגעסען תורה, די קוועלע פון לעבען, די יעניגע וואס האט אויפגעהאדעוועט די גופי אידישע הארץ, די בעזארגטע מוטער פון'ם אידישען פאלק, וואס האט פערפלאנצט דעם עץ החיים אין'ם נפש פון דער וועלט — „ואהבתם את הגר" „משפט אחד יהיה לכם ולגר ולאזרח הארץ" דיזע תורה — הארץ, תורה — נשמה איז פערנאכלעסיגט.

מי האיש החפץ חיים, ווער עס וויל לעבען אנ'אמת'ען לעבען, א לעבען מיט א טעם, וואס קען ענטפערען דעם קליינעם שופט (שכל) אויף דער וועלט און דעם גרויסען וועלט־שופט — גאט ב"ה אין עולם הבא — „אויף וואס לעבסטו אויף דער וועלט?" אוהב ימים — ער האט ליעב זיינע טעג ניט ארויס צוווארפען אין אוועקד ווי אנ'אלטע שמאטע דעם טאג וואס האט אויפגעבליהט אין דער פריה מיט אזא גלאנץ און פראכט. וואס האט ליעב

דעם טאָג און וויל איהם רעטען פון טוידט — והגית בו יומם ולילה — מוזטו לערנען טאָג און נאַכט. אָבער נים דוקא דו — שלוחו של אדם כמותו. בעפאָלמעכטיג דיין באַ־כח ער זאָל לערנען פאַר דיר. און ניט אַ שליח פון אַ יחיד ער מעג זיין אַ שליח פון אַ צבור פון אַ מנין און פון צעהן מנינים. קנה לו דברי תורה קנה לו חיי עולם הבא. דורך דעם קליינעם טהייל וואס דו נעהמסט אין אויפהאַלטען די תורה קויפסטו זיך לעבען. אַ גרויסע מענגע קליינע אָדערליך טראָגען די בלוט צום מח, און קיינע פון זיי איז ניט איבעריג, אַלע צוזאמען שטעלען זיי אויף דעם לעבען. ווערט איינער פון זיי, חלילה, קאַליע פאַלגט דער טוידט. איין שעפס פון צעהן איז מעשר, חטה אחת (תרומה) פוטרת כל הכרי, און אַלע שעפסען, אַלע קערענדלאַך האָבען אַ חלק אין יענער קדושה. איין מינוט זיינען זיי דאָך אַלע ראוי געווען פאַר דעם. איין פרוטה גיסטו דעם לערנער, איין מינוט אַרבייטסטו אויף דער פרוטה און אַלע דיינע מינוטען זיינען דורך איהר געהייליגט, דורכ־געלויכטען מיט'ן אור הגנוז.*)

וואו זאָל מען לערנען ?

אין בית המדרש ! אוהב ד' שערי ציון, שערים המצויינים בהלכה וכו' דער בית המדרש, דאָס איז דער קוואַל פון וואַנען דער איד האָט געשעפט זיין וואונדערבאַרען כח ביי צו שטעהן אַ וועלט מיט שונאים, ביי צו קומען די שווערסטע נסיונות פון לעבען, די אומגעלומפּערטע אנגריפע פון'ם אויפ־געברויזטען חמר און ברוגז'ן שכל.

קומסטו אין אַ שטאָדט און געפינסט איהרע שוהלען פערשלאָסען פון אין דער פריה ביז אווענד — ווייסטו אַז דער איד ליגט דאָ אין חלשות, גיעב איהם שטאַרקע מוסר־טראָפּענס אויף צו מונטערען איהם. זיינען די בתי מדרשים פערשלאָסען פון שבת צו שבת — גיעב איהם אַ שטאַרקען מעדיצין אָהער אָדער אַהין (הלנו אתה אם לצרינו.) פון ר"ה ביז ר"ה — דאָ גוסס'ט שוין דער איד און רב גוססים למיתה.

און אַ שוהל וואו עס ווערט געדאַווענט דריי מאָהל אַ טאָג און קיין תורה איז אין איהר ניטאָ איז שוין איהר פּליכט געטהאָן ? — מסיר אזנו משמע

---

*) כל הראוי לבילה אין בילה מעכבת בו. ובדאורייתא אין ברירה.

תורה גם תפלתו תועבה*) און א שוהל וואו עס זיטצען אלטע לייט און לערנען — איז שוין דער רבש"ע מיט איהר צופריעדען ? ביין שכל איז קיין מארגען ניטא. וואס עס מוז נאטירליך אדער לאגיש קומען איז ביין שכל מזומן. א גארטען וואו בלויז אלטע בוימער געדייהען און דער לע־בען זייערע יאהרען, ווי צווייגהאפט · און גרין זיי זיינען, ווען קיין נייע פלאנצונגען ווערען ניט צו־געזעעט און צו־געפלאנצט איז עס ביין שכל א פארטיגע חורבה.

דער אמעריקאנער איד וויל יוצא זיין פאר גאט מיט שעהנע שוהלען, און דער נביא וואונדערט זיך — איזה בית אשר תבנו לי וגו' ? איהר בויט שוהלען — שעהנע שטיינער, בעפוטצט מיט גאלד, בעהערליכט מיט פארב מיט עלעקטרישע לאמפען, מיט א חזן מיט א כאהר — וואונדערבאר ! כי לא מחשבותי מחשבותיכם — ניט אזא שעהנקייט פעהלט גאט אוים און ניט דאס פערלאנגט ער פון'ם מענשען. „אם ארעב — בין איך אנ'עסטהעטיקער. א ליעב האבער פון קונסט „לא אמר לך — דארף איך צו דיר ניט אנקומען, „כי לי תבל ומלאה". וועט ווער נאכמאכען מיין הימעל מיט זיין פראכט — השמים כסאי ! וועט ווער זינגען יענע מלאכים מוזיק — ברן יחד כוכבי בקר · ויריעו כל בני אלקים ? און אפילו דעם כאהר פון די געפליגעלטע ביין אווענד — און פריהמארגען רויט — מוצאי ערב ובקר תרנין. „מה ד' שואל ממך" — וואס פעהלט אוים דעם רבש"ע און ער פערלאנגט עס פון דיר ? — כי אם ליראה אותו, יראת שמים, גאטעס פורכט „אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא אוצר של יראת שמים בלבד", „אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמי אלא ד' אמות של הלכה".

אוי לי אם אמר, עס איז שלעכט צו ריידען אבער שווייגען איז נאך ער־גער, מיר זאלען זיך צו הערען צו די ווערטער פון דער תורה האט זי עט־וואס שטרענגעס און מורא'דיגעס אונז מיט צו־טהיילען.

אויף'ן פסוק והיה ד' לי לאלקים (ריש ויצא) זאגט רש"י שיחול שמו עלי מתחלה ועד סוף, שלא ימצא פסול בזרעי. — הייסט עס, אז די גוטע אידעשקייט פון די קינדער איז אבווייז אויף גאטעס שוטץ אויפ'ן פאטער

*) ד. ה. די שוהל וועט אומגעוואנדעלט ווערען אין א רעפארם־טעמ־פעל, וואו עס זינגט א כאהר פון גוי'אישע מיידלעך, כמו שנאמר ותועבה נעשתה בישראל וגו' (מלאכי ב' י"א), קול באשה ערוה.

אוּן פערקעהרט דער פסול אין די קינדער, חלילה, **איז עס די הסתלקות השכינה** פון די עלטערן. ווען מיר **זאָלען זיך צוקוקען צו אונזער נייעם דור** אין אַמעריקא — **וואו זיינען עס די כשר'ע הענד וועמען איבער** צו געבען דעם דגל התורה והמצוה, וואָס מיר האָבען דרייסט געטראָגען טויזענ־דער יאָהרען ? — וועלען מיר הערען דעם שטרענגען בייזער פון'ם נביא : „כי אתם לא עמי ואנכי לא אהיה לכם... *)

גאָט האָט געזאָגט צו אברהם — כי ביצחק יקרא לך זרע (ביצחק ולא כל יצחק — רש"י) ביי זרע שטעהט למינהו — וואָס הייסט ? אז מען פערזייט אַ קערענדעל פון אַן עפּעל, למשל, וואַקסט אַרויס דער זעלבער בוים מיט'ן זעלבען עפּעל אויף איהם. עס וועט ניט אומגעאַנדערשט ווערען זאָגאַר דער פאָרם פון בלאַט און דער פאַרב און טעם פון פרוכט. זרע אברהם הייסט עהנליך צו אברהם, בכן דארפען מיר אידען זיך פרעגען — זיינען מיר עהנליך צו אברהם ? אברהם האָט געפיהרט זיין איינציג, קוים דער־לעבטען, קינד צו דער עקדה (את בנך את יחידך וגו') און מיר רייסען אַב אונזערע קינדער פון דער תורה, צו ליעב וואָס ? כדי צו בעזאָרגען (?) זיי מיט אַ רייכען — לוקסוס לעבען — מי יאכילני בשר. און ווען מיר זיי־נען נאָך בלויז עשו בכח זיינען שוין אונזערע קינדער עשו בפועל — זיי ווילען ניט וויסען פון'ם אלקי אברהם (וד' סר מעליהם).

ואל קין ואל מנחתו לא שעה. גאָט האָט ניט געוואָלט אָננעהמען קין'ס פרעזענט. וואָרום ? זאָגען די חז"ל, ווייל ער האָט געבראַכט מפרי האדמה מן הגרוע פון די ערגערע. די פרומע פון די אַמעריקאַנער אידען שיקען זייערע קינדער אין חדר — אַ מנחה צו גאָט.**)

אָבער מן הגרוע, מגישים לפני לחם מגאל. דער קינד פער'גוי'אישט, פערמאַטערט, פערשטיפט קומט אין חדר מיט אַ ווידער־ווילען, מיט אַ גרינשעטצונג אויב ניט פעראַכטונג, צו די אידישע למודים. און וואָס איז

*) דעם וואָרט — לאלקים וואָגט דער נביא ניט אַרויס צו ריידען — ברית כרותה לשפתים. לבא לפומא לא גליא.

**) מנחה טהורה אלו תינוקות של בית רבן. סלת נקיה — גופן טהור. המלמד הוא הכהן כי שפתי כהן וגו' ותורה יבקשו מפיהו וגו' והוא מביא את אזכרתם — זכרונם, מחשבתם לבונה זכה — נשמתו טהורה על מזבח התורה לד'.

דער סוף ? דער למוד וואס מען בינדעט איהם אן איבער גוואלד ווערט שנעל אויסגעוועבט, נור דער ווידער־ווילען צו אלעס וואס האט נור א ריח פון אידעשקייט בלייבט ביי איהם לעולם ועד. המאלה יבנה ישראל ? זיינען אזעלכע קינדער א גינסטיגער מאטעריאל פאר'ן אידישען בנין, וואס שלעכטע ווינטען רייסען איהם, און זיין גאנצער אויפהאלט איז אויף'ן אינערליכען כח. בד' בגדו כי בנים זרים ילדו, ניט נור אברהם אבינו'ס פרצוף איז פערשוואונדען פון'ם קינד, דער פאטער אליין דערקענט זיך ניט אין איהם. כיון שנעשו בני י"ג שנים זה פרש לבתי מדרשות וזה לע"ז. צו דרייצעהן יאהר ווערט ער א פערטיגער גוי — „יפטירו בשפה יניעו ראש"

די פראגע איז צוליעב וואס איז עס געווען די עצה עמוקה פון'ם רבש"ע אז יעקב זאל האבען אנ'אנקעל און א שווער — לבן ? לבן, ווי מיר זעהן איהם, כאראקטעריזירט אין דער תורה, איז געווען א געלד־גייציגער און דורכגעטריעבענער געשעפטס־מאן. אין אונזער לאנגען און ביטערן גלות האבען מיר זיך געגוטיגט אין אזא טיפ מענשען, ווען מען האט אבגעשניטענע פאר'ן אידען דעם צוטריט צו אנדערע פרנסות אויסער מסחר. אין אונזער מחנה פיגורירט לבן אין צוויי פאזעס — ער גיט זיינע טעכטער פאר'ן קלויז־ניק יעקב *) און גיט איהם א געלעגענהייט מיט גאטעס הילף און מיט זיין אויסערגעוועהנליכע טרייהייט און ענערגיע — זיך ארויף צו ארבייטען — ויפרץ האיש מאד. דיזער לבן האט זוכה געווען פון איהם זאלען ארויס־קומען וועלט־גאונים — ערלייזער, נביאים, משה און אהרן און די גאנצע אידישע פאלק — כרכא דכלא בה. דער צווייטער לבן האט זיך אויסגעקלעהרט (דיסטילירט) פון איין זייט אלס דער עולם־הזה'ניק, הצד ציד עשו (רב בנים הולכים אחרי אחי האם) פון דער אנדער זייט אלס בלעם, וואס לויבט די אידען אין הימעל־אריין און בענשט זיי און אין הארצען וואלט ער גע־וואונשען זייער אונטער־גאנג.

דער אמעריקאנער איד **) בייוועמען דער מסחר־גייסט איז אזוי פער־טראטען איז עס בית לבן — נור וואסער לבן ? זיינע טעכטער (אפילו לאה מיט די שוואכע אויגען, ווער רעדט נאך די שעהנע און געראטענע רחל)

---

*) און נארט איהם אב דערביי כדבעי, ווי מען דארף טהון א „קלויזניק" אנ'„ארים־בחור".

**) אין כלל שלא נאמר בו חוץ.

מאכט ער ניט חתונה פאר קלויזניקעס, נור פאר דאקטוירים. — דיזע לעטצטע האבען בעסערע אויסזיכטען פאר א פעטערען (כאָץ בי א טרפה׳נעם) עולם־הזה. זיינע קינדער שיקט ער ניט אין דער ישיבה, נור אין אוניווערזיטעט צוליעב דעם זעלבען טעם. בכן, וואסער לבן ? ניט יעקב׳ס שווער נור דער דיסטילירטער לבן, וואס איז ארוים פון גדר — וסריותו עמו.

דער אמעריקאנער איד בויט גרויסע שוהלען, ווער זיינען אבער די דאווענער אין זיי ? אלטע לייט און קדיש־זאגער, ער בויט שוהלען פאר אלטע לייט, פאר׳ן אונטערגעהענדען לעבען, און דער אויפגעהענדער טאג שיינט אריין אין פרעמדע גערטנער. ווי לאנג וועט עס נאך דויערען און אידעשקייט וועט זיין אין אמעריקא א נעכטיגער טאג. גרויסע שוהלען, פוסטע שוהלען, שעהנע שוהלען, געפוטצטע חורבות, א גרויסער דעמב אהן לעבען, א מעכטיגער סקעלעט, וואס ווארפט אן אימה. א שעהנע שוהל, א שעהנע מצבה אויף׳ן געשטארבענעם איד.

צו וואס זיינען געגליכען די שוהלען אין אמעריקא ? צו א פרוי, וואס נעהט שעהנע, געפוטצטע קליידלאך פאר איהר קינד וואס רעגט זיך אין איהרע געדערים און אום נאכצוקומען איהר לוסט צום פוסטען גלאנץ און לוקסוס־לעבען, נעהמט זי איין מעדיצינען צו טוידטען איהר קינד און גע־בוירט אנ׳נפל — נארישע פרוי — ווערען וועסטו אנטהאן דיינע שעהנע קליידלאך ?

צו וואס זיינען געגליכען די שוהלען אין אמעריקא ? צו א וואוקס אויף׳ן קערפער. די ביסעל ענערגיע פאר אידישקייט, וואס איז נאך פערבליבען אין׳ם אמעריקאנעם איד, ווערט עס אויסגעגאסען אויף האלץ און שטיינער.

און אליהו הנביא מיט זיין קלאהרען, געזונדען מענשען־פערשטאנד שטעהט ביי דער טיהר פון יעדער שוהל און פרעגט — „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים ? אם ד׳ הוא האלקים לכו אחריו ואם הבעל לכו אחריו !״ לויט אייערע רייד זייט איהר אידען — עובדי ד׳, און לויט אייערע מעשים איז דער דאלער אייער גאט. איהר בויט שוהלען פאר גאט און ערציהט אייערע קינדער פאר׳ן דאלער. איהר נעהמט א רב אין שוהל, א פארשטעהער (כהן) פון גאט פון הר סיני און די דעה פון פרעזידענט דעם פארשטעהער (כהן) פון׳ם דאלער איז איבער איהם.

עס איז די העכסטע צייט, אז אייער געפיהל זאל זיך שטעלען צו משפט פאר׳ן לאגיק. ווילט איהר פארט־זעטצען אייער וועג איז אייער אידעשקייט

אויפגעגעבען. ווילט איהר פערבלייבען אידען מוזט איהר אומאנדערשען אייער וועג.

צום אלעם ערשטען זייט אידען, ביי וועמען די נשמה שטעהט העכער פאר'ן גוף, ביי וועמען די מיה־פריידען זיינען מכפר אויף די מאגען־ליידען. די וועלט איז כחלום יעוף און וואו א מענש חלום'ט ניט אז ער רייט אויפ'ן אקס איז ער ניט עולה לגדולה. כל זמן דער פעטער חמר (דער לוסט פאר הנאה) וועט פערדונקעלען אייער גרעדאנק וועט איהר ניט אנהאלטען אייער זכות אויף דער בכורה (תורה, ארץ ישראל און עולם הבא), איהר וועט ניט וועלען איהר פארערע — יסורין, איהר וועט ניט וועלען טראגען דעם יאך פון גלות ווי יעקב, ניט מוסר נפש זיין זיך פאר גאט ווי יצחק און ניט זיין צופריעדען מיט די תמימות פון אברהם. איהר וועט זיך שטענדיג ארום טראגען מיט טענות און תביעות צום רבש"ע און מיט קשיות אויף דער וועלט־הנהגה. איהר וועט ניט בעזיטצען דעם בטחון אין גאט, ווי די יוצאי מצרים (זכרתי לך חסד נעוריך וגו' לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה) און תאר געווים ניט ווי די יוצאי ירושלים. און די הארץ פון וואנען אלע לייטזעליגע מדות זיינען אבגעשאפט געווארען נעהמט צו דער רבש"ע, דער גאט פון אברהם, יצחק ויעקב, זיין כבוד, זיין אבשיין פון דארט. (סלק שכינתך מביניהם). אט דאס איז דער פראסט וואס אין אייערע געדערים צו אלעם וואס שמעקט מיט אידעשקייט. אט דאס איז דער מקור פון וואנען דער שקר האט זיך אריין געריסען אין אייערע שוהלען. איהר בעט והערב נא את דברי תורתך בפינו וכו' און איהר נעהמט ניט א ספר אין האנד. ונהיה אנחנו וצאצאינו וכו' ולומדי תורתך וכו' און איהר רייסט אב אייערע קינדער פון דער תורה און פערפלאנצט זיי אין פרעמדע גערטנער. איהר רופט צו דעם גאט פון אייערע עלטערען, אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב און אין זייערע וועגען געהט איהר ניט.

כבסי מרעה לבך — ירושלים שאפט אב די ע"ז (איזו ע"ז שהיא בלב— זה יצר הרע) פון אייער הארצען דעם לוסט נאך לוקסוס און פוסטען גלאנץ און זייט אידען אין דער מחשבה, אין טהעאריע און אויך אין פראקטיק.

— עפענט אייערע שוהלען. זאל זיך אנהויבען הערען דער קול־יעקב. אונזערע גאטזעליגע, גייסטרייכע עלטערען האבען פערמעגט שוהלען פול מיט ליכט — תורה אור. מיר פעראריסטע יורדים (ר"ל) יתמי דיתמי מיר וועלען זיך בענוגענען מיט איינעם אין א שוהל, אין א גאס, א שטאדט

(לכל הפחות). אבער דער אש תמיד זאל ניט אויפהערען ברענען אויפ'ן מזבח פאר גאט.

— גרינדעט אייגענע קהלס, וואו די בכורה זאל אבגעגעבען ווערען ווער עס קומט די בכורה. דער עקר זאל בלייבען אנ'עקר.

און די תורה איז פאר אונז אלעס. — זי האט האט אונז געשיטצט. מיר האבען זיך אנגעהאלטען אן די שטאנגען פון ארון האט ער אונז איבערגעטראגען איבער שטורמדיגע ימים־צרות מיט די שווארצע קראקאדילען — מענשענפרעסער אין זייערע תהומות, זי האט פאר אונז אויסגעפונען און בעזיעגט א זיכערן ברעג, וואו זי האט פערפלאנצט איהר ברייטען הכנסת אורחים „ואהבתם את הגר."

זי האט געהיט אונזער גייסט פריש אויפ'ן געווינשטען הויך, מאראליש זויבער, און אידעאליסטיש געשטימט. און דער גלות מיט די רדיפות האבען ניט געהאט בכח ארונטער צו דריקען אונז און מאכען פון אונז אנ־אומפאלק ווי אונזערע שונאים וואלטען געוואונשען. עברו כלנה וראו וגו' אם רב גבולם מגבולכם. מיט וואס זייט איהר גלות־קינדער געווען ערגער אב פון די אלט־געזעסענע גויים וואס האבען קיין טעם גלות ניט פערזוכט. יען איהר האט מפקיר געווען חיי שעה פאר חיי עולם האט איהר ביידע געהאט. און די חיי שעה האט געהאט א טעם און א ווערדע. זאל אייער קינד לערנען תורה און זאל אייך ניט קימערן וועגען א לעבען מאכען — לי הכסף ולי הזהב אמר ד' צבאות. און וואויל איז דעם מענשען, וועלכער געפינט זיין רייכקייט פון גאטעס האנד. ווי רייך, ווי נאבעל זיינען איהרע צוועקען— צדקה און מעשים טובים. און אך און וועה צו יענע רייכקייט, וואס קומט פון „כחי ועצם ידי" נידעריג פון מענשען־ווירדע איז איהר חמר — די פהיזיש[ע] תאוה, א שטיק פלייש אהן לעבען — נבלה סרוחה. און איהר נשמה איז פוסטער כבוד און וויסטער — גלאנץ. רחמנא לצלן מהאי דעתא.

צו וואס איז געגליכען די אמעריקאנער שוהל צו א מושב זקנים. אין דיזען לעטצטען דערלעבט דער אלטער איד זיינע יאהרען, און אין שוהל דערלעבט די אלטע אידעשקייט איהרע יאהרען. ביידע זיינען זיי אבגעריסען פון זייערע זיהן, טעכטער און אייניקלאך און לעבען איבער די שוידערהאפטע טראגעדיע, די ביטערסטע קללה פון דער תוכחה — „בניך ובנותיך נתונים (בידים) לעם אחר ועיניך רואות וכלות אליהם ואין לאל ידיך.

דער לייכטזינן שושקעט דעם יונגען דור אין אויער אריין — „וועמען קימערט עס ? זאלען טוידטע בעגראבען טוידטע. די אלטע אידעשקייט פערלירט איהר יונגע בלוט און געהט אויס אין שוואכקייט און אויסצעהרונג?— זי האט זיך אליין איבערגעלעבט (אנ׳אכראניזם). דער אלטער שטארבט ? — די נאטור קימערט זיך וועניג וועגען דעם פערגעלטען, פערדארטען בלאט. זי רייסט עס, אונ׳ברחמנות׳דיג ארונטער אום צו מאכען פלאטץ פאר׳ן פריי־שען, גרינעםבלאט״.

עס איז אבער, ברידער, א פאלשער פשט אריינגעטייטש אין לעבען פון א פערקרימטען, פערבלענדעטען פון תאוה־שכל (כי השחד יעור וגו׳) מנגה ממטר דשא מארץ. די לאנד איז נור דאן פרוכטבאר, ווען זי האט דעם וועכסעל פון זוננען־שיין, שאטען און רעגען, רעגען אהן שיין געבוירט א זומפף און פרוכטבארט אבשייליכע (אבער אהן געפאהר) ווערם און פרעש. שיין אהן שאטען און רעגען געבוירט א מדבר מיט געפעהרליך־גיפטיגע שלאנ־גען און עקדישען. פערברעכעריש תאוה׳דיג צו־לאזען הבל׳דיג קאכט און זידט דער יונגער לעבען אין דער מאדערנער וועלט און דאמפפט אויס אין שבעה־הבלים. דאס איז דער לעבען פון דער לייכטזיניגער יוגענד אהן דעם ערנסט, קיהלענד־בערוהיגענדען צוג פון דער עלטער. דער יוגענד בליהט זודיג און דופטענד די עלטער־טריי בעזאמט. דער יוגענד שאפט די עלטער צייגט און לענקט. אז אך און אז וועה צו די בליהונג וואס מוז וועלקען ניט בעזאמט. אז אך און אז וועה צו אזעלכע צוועקלאזע מעשים, וואס געבוי־רען אין מענשענס מח דעם האפנונגסלאזען בעוואוסטזיין פון פערניכטונג און אויסדאמפפען אין׳ם טוידטליך־קאלטען וועלט־רוים (דער מיינונג פון די מאדערנע תוכנים וועגען אונזער פלאנעט — די ערד). אז אך און וועה צו אזא שאפען וואס בעגראבט דעם בויער אונטער זיינע געביידען. אן ערפינ־דונג ! א פאנאגראף ! אן אטאמאביל ! — הוליע קבצן ! נאך א נוטצלא־זער הבל אין׳ם וואגען פון דער ציוויליזאציאן און זיינע רעדער דריקען אלס שווערער אויף די קערפערס און נשמות פון די שוואכע מענשען — רני עקרה לא ילדה בנים לגיהנם כותייכו.

און וועה דעם לעבען אהן די בעגלייטונג פון די מלאכים פון אלטען בית המדרש. — כי מלאכיו יצוה לך וגו׳. דער איד האט געדאווענט, גילערענט א פרק משניות, חובת הלבבות א. ד. גל. און יצא אדם לפעלו וגו׳. ער געהט ארוים צו דער ארבייט, ער בליקט אריין אין גאס דער גלגל החוזר זעגט

אין לופט. פערפוטצט, לאַקט און רייצט מיט פאַלשען גליק די שעהנהייט — וועלט. — שטעהט ביי זיין רעכטע דער מלאך — חשבון הנפש, הגיון לאָגיק און טרייבט פון זיין האַרצען די וויסטע אידעאַלען פון פוסטען כבוד און נאַרישע הנאה.

איז גאָלד און פוטץ כבוד ?

מי האיש החפץ חיים ? — דער וואָס וויל לעבען און פערשטעהט דעם לעבען, און קלעפט ניט צו איהם ווי אַ שאָלעכטס צום נוס, ווי דער בריק, ווי דער שליח להולכה בלויז אַריבער צו ברענגען דעם לעבען צו נייע דורות— דיזער וועט געבען כבוד און אַכטונג בלויז צו דעם וואָס ברענגט צום לעבען און גאָלד און פוטץ איז פערגיפטעט פון קנאה־באַצייללען, פון פערברעכערי־ שען רויבער־רייטץ — יש עשר שמור לבעליו לרעתו. רב חולים לחיים, אָבער פון דעם וואָס בלויז אַ מעוט שטאַרבט איז אויך אַ קראַנקהייט. דער אמת'ער לעבען פרעהט זיך ניט מיט פערניכטונג און בעגייסטערט זיך ניט פאַר אויפ־ לעזונג (אין רוח הקודש שורה לא מתוך עצבות וכו') יברכך (בעשר) וישמרך (מן המזיקים) רייכקייט איז בעגלייטעט פון אינערליכע מזיקים (תאות) און אויסערליכע (רויבער) און בלויז גאָט וואָס הייסט געבען צדקה (מרבה שלום) פערהיט פוןביידע ערליי מזיקים. אָבער רייכקייט וואָס געהט פאַר פוטץ און פוסטען גלאַנץ ? — מלח ממון — חסר און רייכקייט אָהן צדקה איז עס אַ שטיק ניט לעבעדיגע און ניט געזאַלצענע פלייש, און אונטער דעם שיין פון גליק, אָהן דעם שאַטען פון מוסר, איז עס מסריח (ר"ל) און ווער קען זיין בעגייסטערט פאַר נבלה ?

און דער חשבון הנפש, הגיון, לאָגיק רעדט ווייטער. איז פאַראַן אין אַטאָמאָביל כבוד ? הנאה ? — האָסטו אויגען ? זעהסטו ניט די יונגע עופה'לאַך מיט צומאָהלענע אברים'לאַך יאָגען אין רויען מיט וואוטה און פלוך אויף זייערע ליפען, דעם אַטאָמאָביל אין זיין געלאַף ? האָסטו אויערן ? הערסטו ניט די שוידערהאַפטע קללה ענטרונען פון די טוידט־בלאַסע ליפען מיט מיהע אָבגמינטערטע, בערויבטע פון זייערע ליעבסטע, מוטערס — ענגט ווי דער שוואַרצער שיקזאַל אויף די קעפ פון'ם ערפינדער און פאָה־ רער פון'ם אַטאָמאָביל און האָט אַרויס געפלאַטצט מיט אַ שרעקליכער גזרה אויף מיליאָנען מענשען־קינדער זייערע גליעדער זאָלען צוריסען ווערען אויף די מלחמה־פעלדער אין אַטאָמאָביל — און טענקס־גיהנם ?

ניין, מיין קינד! טמא, טמא יקרא, דער פערפיהרערישער פוטץ און גלאַנץ שרייט — „ווייך פון מיר!"

און דער קלאָהרער גרייז־גרויער מלאך פון איבערלעגונג רעדט ווייטער: זאָל דיר ניט רעגען און רייצען מיט קנאה יענעמס פאַלאַטצען. קענסטו מקנא זיין יענעם, וואָס רייסט שטיקער פון זיין מהות, פון זיין צייט, ענערגיע און מיהע — פערקערפערט עס אין שטיינער און העלצער און לאָזט עס פאַר פרעמדע? ומי יודע אם חכם יהיה או סכל וישלט בכל עמלי — יענער גע־ווינט מיט זיין נאַרישקייט, וואָס מיר האָט געקאָסט מיין מיהזאמען קלוגען לעבען — שעמלתי ושחכמתי תחת השמש. בכן וועמען זאָלסטו מקנא זיין, צו יענעם נאַרישען, ענערגישען אויפטהוער אָדער דעם גליקליכען פוילען־צער — זיין יורש?

ואם תאמר אניח לבני אחרי חק בשאול מי יגיד לך? ווער וועט עס דיר פערזיכערען אַז עס וועט בלייבען ביי דיין זוהן און פיעלייכט ביי דעם זוהן פון דיין שונא. און אַז ביי דיין זוהן? — בר ברך קירא ליזבן וכו', דיר וועט ניט זיין ליכטיגער און בעקוועמער אין פינסטערען נאַסען קבר.

ניין, מיין קינד — פליסטערט דער רוהיגער באזעסענער (מרבה ישיבה, מרבה חכמה) מלאך — לא זה הדרך. זוך ניט קיין אויסערע רייכקייט, נור אינערליכע. ניט ביין צייטליכען, וועכסלענדען חוש, נור ביין אייביגען שטאַנדהאַפטען שכל. — דעם מענשענס שכל וויים דאָך אָבער גאָר נישט? — ער איז נאָך קינדיש — אם לא שויתי ודוממתי נפשי כגמול עלי אמו וגו' און דער שער חשבון־הנפש גיט איבער דעם מענשען צום שער — הבטחון — תמים תהיה עם ד' אלקיך! און ווי גרוים איז דער קינד־שכל, און ווי זיכער און גליקליך ער פיהלט זיך אין'ם שוטץ און שאטען פון'ם גרויסען פאָטער — גאָט ברוך הוא.

דעם יונגען מענשען פעהלען די מלאכים פון בית המדרש — חשבון־הנפש, בטחון, יושר א. ז. וו. אונטער די פיהרערשאַפט פון יראת שמים, און ער בלאָנדזשעט אין אַ פאַלשע וועלט. ער שטרעבט צום לעבען און כאַפט אָן דעם שאָלעכטס פון לעבען און ער איז מפקיר דעם עקר פאַר'ן טפל, ער וויים ניט פון קיין לעבען יאָגענדיג זיך נאָך די בעקוועמליכקייט פון לעבען. דורשטיג פאַר'ן לעבענס־גליק האָט ער אויסגעפונען דעם קוואַל פון תאוה וואָס שלאָגט מיט זאלץ־וואַסער — ער שטילט ניט דעם דורשט, און בע־רוהיגט ניט, נור רייצט די נערוועז מיט'ן אַפעטיט און דער גליק־גיריגער

בלייבט מאַנגעל־בעוואוסטער פון פריהער. — אין אדם מת וחצי תאותו בידו.

אזוי איז אויפגעבויט די וועלט אויסערן בית המדרש — אויסערליך געפּוצט מיט'ן חרבן אין איהר אינערן. — אַ וועלט פון כאַפּ־לאַפּ, פון טרוג־לוג. דער מענש האָט אַרום זיך אַרומגעוועבט אַ געדיכטען נעטץ פון הבלים, און ער צאַפּעלט זיך אין איהם אין קאָנוואולסיעס פון אונרוה און קאַמפּף.

דער בית המדרש פּעהלט אויך דער מחשבה. דער איד האָט געדאַווענט אין בית המדרש און געזאָגט אַ קאַפּיטעל תהלים, געלערענט אַ משנה משניות. — פון'ם פסוק „לב טהור ברא לי אלקים וגו'" איז בעשאַפען געוואָרען אַ קריסטאַל־זויבערער מלאך. פון'ם משניות טהרות זיינען געבוירען געוואָרען בעשיטצער פון טמאה. דיזע זויבערע כנופיא שעפּט פרישען כח פון די תמימות'דיגע תהלים־זאָגער און משניות־לערנער (מוסיפים כח במפליא של מעלה) און בעגלייטען דעם אידען און היטען איהם אין ריינקייט. זיי וואַרענען דעם אידען מיט כל האזהרות אויף טהרת המחשבה און שמירות הלשון. — לשון הרע איז ערגער פון די האַרבסטע עברות, וואָס יהרג ואל יעבר. אַרויסריידען אַ מיאוס־וואָרט אסור־חזיר — כל המנבל את פיו וכו' נשמה שנתת בי טהורה היא, די נשמה איז אויסגעשניטצט פון'ם לבנת הספּיר, וואָס אונטער דעם געטליכען כסא הכבוד, און די מחשבה פליסט פון דער נשמה וואָס איז פערזאָגט אויף קדושה — קדושים תהיו כי קדוש אני. פערפלוכט זאָל זיין די האַנד, וואָס וואַרפט שמוטץ אין'ם קדשי־קדשים פון'ם מענשליכען וועזען. דער דבור — דער גערעדטער, דער גע־שריעבענער, דער געדרוקטער וואָרט. דער פערשיעדענאַרטיגער, שטייגענ־דער אין מאַכט חמר־לבוש פון'ם בעגריעף (אבסטראַקט). דער זווג פון די לופט־וואלען, פון'ם טינט און פּאַפּיר מיט אַ קינד פון'ם שכל'ס אויבער־ספערע, מאַכט דעם וואָרט הייליג, ערהויבט איהם איבער חוש, צייט און אָרט. וועה וואָגט עס צו מטמא זיין איהם מיט דער זוהמא פון'ם גוף, דער חלק בהמה אין מענשען, מיט'ן אונזויבערן רגע'דיגען געוועב, וואָס דער לעבענס־פונק האָט אַן געקליידעט אויס נויטווענדיגקייט — כמו שכפאו שד. דער בורא ברוך הוא האָט געבויט אַ הערליכען פּאַלאַטץ — מחשבה אויף מיסט־גוף (קיא צאה). פערפלוכט איז די האַנד וואָס דעקט אויף פּאַר'ן

מלאכים אויג — דמיון די ערוה פון זיין בעשאף — לבו רואה את הערוה (כל שלא חס על כבוד קונו ראוי לו שלא בא לעולם).

און דער מאָדערנער מחשבה פעהלען די קינדיש זויבערע, תמימות'דיגע מלאכים פון דוד המלך'ס תהלים און רבינו הקדוש'ס משניות. און זי איז פערזונקען אין מ"ט שערי טמאה (ר"ל) בלעם דער נביא־פּאָעט, דער פלאַ־מענדער בעל־דמיון, מיט'ן זודיגען געפיהל — הנהו עושה עם אתונו (חמר) מעשה אשות בלילה, אז אַך און אַז וועה צו איהם (בוז לנשמתו) ער האָט זיין דמיון און געפיהל פערזונקען אין'ם סיר אשר תלאתו בו, אין דער גרויסער שטאָדט שיש בה גזל ועריות — וואו די פערברעכערישע תאוה האָט אָנגע'סרח'נט מיט כל הפסלנות — און ער גראָבט דאָרט און שעפּט פון דאָרט רעאַליסטישען שמוטץ און רעגט און רייצט די נערוון און זע־טיגט אַז די נשמות מיט'ן יין התרעלה און עס שלאָגט פון יעדער מויל מיט קיא צואה פון די שכורי אפרים — פוילע וויטצען און נבול פה.

און תאות המין (געשלעכטליכקייט) ווערט אַרויסגעריסען פון איהר בהמה'ישען חושים־זומפּ, וואו זי ווימעלט זיך און מעהרט זיך, און ווערט אריבערגעפלאַנצט אין דמיון, וואָס אין בו לא אכילה וכו', און פרוכטלאָז רעגט זי אין טמאה און ווערט אויפגעלעזט אין הרהורים רעים און אומזיסטע בלוט־צינדעניש. ניט אָנצוצינדען נייעם לעבען, נור צו פערדאַרבען דעם אַלטען לעבען, צו פערפּעסטען דעם גייסט און קראַנק מאַכען דעם קער־פּער מיט טמאת קרי און זיבה (ר"ל). און דער געדרוקטער וואָרט גיט דעם זינד נצחון אויף צייט און אָרט און וואַנדעלט איהם אום אין אַ וועלט־אונגליק און בכיה לדורות.

און אין קערפּער פון מענשען — עולם קטן, וואוינען צוזאַמען מיט'ן פערד תאוה און מיט'ן חמור־וואָלוסט (אשר בשר חמורים בשרם וגו') אויך חיות געפיהלען און שרצים מהות, וואָס פרעסען איינער דעם צווייטען — קנאה, שנאה א. ז. וו. אויך שלאַנגען־האַס, אונבעגרינדעטע רציחה און צוועקלאָזע לעבענס־רויב. און ווען עס שטרוימט צו דיזען גאַנצען געזינדעל אַ שטראָם פון אויבער־מאַכט — דמיון, ווערען צוזאַמען מיט'ן פערדען־תאוה אויך פאַנטאַסטיש בעפליגעלט אַלע חיות מיט'ן שלאַנג בראש און לשון הרע שטעמפּעלט איהרע שאַנד־טהאַטען מיט'ן קלינגענדיגען נאָמען קריטיק און וואַרפט שלאַנגען־גיפט פון איין עק וועלט צום צווייטען, און וועקט קנאה שנאה און העטצט פעלקער אנקעגען פעלקער — ותעש אדם כדגי הים וגו'

מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה, חצי גבור — וואָס פליהען ווייט, עם גחלי רתמים, וואָס האַלטען אַן זייער פייער אויף אימער — די פעדער מיט׳ן דרוק אומוואַנדלען די לשון הרע אין אַ וועלט־אונגליק און בכיה לדורות — טמאת שמונה שרצים.

די שטראָף איז אָבער פערבונדען מיט׳ן זינד ווי די פאַלגען מיט׳ן אורזאַך ווי דער בוים מיט זיין זאמען. דער דמיון האָט אויפגעהויבען דעם קערפּער צו דער מלאכים־ספערע האָט ער דעם קערפּערס ענדליכען אויפלעזען אויך ענטדעקט פאַר דער דורכדרינגענדער שכל—־אויג און דער מענש שטעהט האַפנונגסלאָז ביי זיין אייגענער יציאת נשמה און פאַר זיין אָפענעם קבר און די פרישקייט פון דער ניי געבוירענער רגע איז פערדומפּפען פון איהר פוילען. און דער טוידט מיט אַ שכל־נאַטור איז אַזוי שרעקליך — אבסאלוט, טרויסט און האָפנונגסלאָז און זיין שיטה (פעסעמיזמוס) ווי דער שרעקליכער ראק (קענסער) ר״ל שפּרייט אוים זיינע גיפטיגע וואָרצלען אויף אַלע לעבענס־ערשיינונגען און געפיהלען און פינסטערט פון דרויסען און ביטערט פון אינוועניג — ואין מפלט. און די אויבער־אויג פון שכל דרינגט דורך בליטצעד־שנעל, די רייהען פון טעג און יאָהרען און דער מענש זעהט אַלע זיינע מעשים, אידעאַלען און פאַנטאַזיען אין שטויב בטל ומבוטל. און זיין ערד הויכט אוים איהר לעטצטען אטהעם־צוג אין׳ם אלעם פערשלינגענדען, טוידט־ליך קאַלטען וועלט־רוים (פלאַמאַריאָן — „די ענדע פון דער וועלט״) — אבי אבות הטמאה — מת.

דער בית המדרש פעהלט!

אויך דער סוחר ביי זיין מסחר. די ליעבהאַרציגע מלאכים פון׳ם אַל־טען בית המדרש — יראת שמים, ישר, בטחון און הסתפקות א. ז. וו. וועלכע בעזאָרגען דעם מענשענס נפש מיט אינערליכען שלום־זעעלען־רוהע און אויסערליכען שלום־צדקה. עס פעהלען דעם מאָדערנעם סוחר דיזע זויבער־רוהיגע־מלאכים און זיינע אויגען זיינען פאַנאַנדערגעוואַקסען שדים־גרויס מיט אַ לויתן־שלונד, און פערשלונגען פון די אונערזעטליכע חושים געהט זיין לעבען אוים אין הו־הא, כאַפּ־לאַפּ און אייביגען גרייטען ווי אין פסוק שטעהט יכין רשע (אין דיזען פאַל — דער נארישער, ענערגישער, האַב־זיכטיגער גייץ־האַלז) וצדיק (דער קלוגער פוילענצער און בעל בטחון) ילבש.

דער בית המדרש פעהלט!

אויך דעם ארבייטער. דער בית המדרש ווייזט דעם ארבייטס־מענשען, אז עס איז דא א וועלט העכער פון חוש, א מאכט העכער פון באוועגונג און חכמה מעהר ווי אין מאשין. דער בית המדרש בעווייזט, אז בעפריעדיגען די פהיזישע תאוה איז ניט דער העכסטער גליק, העכערע ווירדזשעם ניט דער העכסטער אידעאל און די יונאן ניט די העכסטע הייליגטהום. דיזע אלע אידעאלען־חוש, באוועגונג, תאוה א. ז. וו. זיינען לאגיש פערבונדען (ווי אזוי איז ניט דא דער ארט צו ערקלעהרען) און זיי פיהלען אוים דעם פולען פרצוף פון׳ם ארבייטער ווי ער האט זיך אויסגעבילדעט אויף יענער זייט בית המדרש. אז דיזע אביגע אידעען זיינען ניט קיין מלאכים נור „ניט גוטע״ קען זיך דער ארבייטער איבערציייגען פון׳ם זומפף וואוהין זיי האבען איהם פערפיהרט.

צאן אבדות היו עמי, רעיהם התעום, הרים שובבום וגו׳, דער ארבייטער איז אויסגעלעהרענט פון זיינע פיהרער (פערפיהרער) צו אונטער־שעטצען און פערלאכען זיינע עלטערען פאר זייער ארים־לעבען און תמימות׳דיגען גלויבען און אבערגלויבען א. ז. וו. *) דער ארט (פרייער) דענקען האט געשטעלט דעם ארבייטער אויף דער פסיכאלאגי פון חם — עבד עבדים יהיה לאחיו. קיין צוזיפטראגע מיט׳ן בעל־הבית פון דער וועלט דער בורא ברוך הוא. קיין חלק אין׳ם וועלט בעשאף (עולם הבא), געארבייט און גיכער בעצאהלט־־ הנאה. האי עלמא כבי הלולא דמיא — עס איז א בהלה־חתונה — „גיב מיר שנעלער מיין חלק — א שנאפס, א האניג־ביסען, איך איל צו מיין פער־שווינדען.״ אט דאס איז דער „הלעיטנו״ פון׳ם נייעם מענשען — האלז און

---

*) ונקטו בפניהם — דיזע אבלאכער וועלען זיין פערלאכט און מבוזה ביי זיך אליין, ווען זיי וועלען זיך ארומזעהן און וואס פאר א לאגע זיי האבען זיך אליין געשטעלט. אין דער לאגע פון׳ם לייכטזיניגען זוהן, וואס האט פערשווענדעט די שעטצבארע ירושה פון אבנים טובות ומרגליות אויף נאשערייען און נוטלאזע לוקסוסען. דער גלויבען (און אבערגלויבען) האט געוועבט דורות־לאנג אין׳ם מח פון מענשען דעם געזעלשאפטליכען (גייס־טיגען) כח. די נייע דורות האבען עס פערטאכלעוועט ביז׳ן דעק. זיי האבען דערגרונגעוועט ביז אינדיווידואליזמוס ד. ה. ביז דעם פונקט וואו דער מענש איז געשטאנען בעפאר דער כלל־לעבען האט זיך אנגעהויבען וועבען. (זעה הערה ב׳ אין ענד פון דיזען ארטיקעל).

לייב געבראכען פאר א ברעקעלע אמוזירונג. שלשה דברים צוה כנען את בניו — אהבו זה את זה, אהבו את הגזל, אהבו את הזמה.

דער בית המדרש פעהלט!

אויף דעם פאטער ביי די ערציהונג פון זיינע קינדער.

די מאדערנע הויז זוכט צו האדעווען דעם קינד אין וואוילטאג. דער מאדערנער לעהר־אנשטאלט באלעוועט דעם קינדס גייסט מיט לעקער־ביסען מעשה׳לאך, משלים א. ז. וו. נאך׳ן קינדס פערשטאנד און פערלאנג.

אונזער תורה הקדושה לעהרענט אנדערש — „טוב לגבר, כי ישא על בנעוריו״. „כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל״ וכו׳, „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה״. — בלויז א מצומצם ארים־לעבען קען ארויס־ברענגען אל הפועל די וויכטיגקייט אין׳ם מענשענס לעבען. דער אידישער לעהר־אנשטאלט (חדר, ישיבה) האט געאיבט דעם קינדס מח אויף די הארבע סוגיות פון תלמוד, געגריבעלט טיעף און שווער אין תוספות, מהרש״א א. ז. וו. די לעטצטע שורה, דער פועל יוצא פון דיזע צוויי געגענגעזעטצטע ריכטונגען אין דער ערציהונג זעהן מיר אם שארפסטען אין די פערשיעדענע מיינונגען וועגען עלטער. דער מדרש זאגט: „וילך משה ואהרן ויאספו את זקני ישראל — אמר ר״ע למה נמשלו ישראל בעוף מה עוף אינו פורח אלא בכנפים אף ישראל אינם יכולים לעמד אלא בזקניב. אם זקנים הם חביבין לפני הקדוש ברוךהוא וכו׳, נאך אין אנ׳ארט: „לעולם זקנים מעמידים את ישראל ופו׳ כל הנוטל עצה מן הזקנים אינו נכשל״ וכו׳. ביי אידען איז די עלטער די פארשטעהערין, די פיהרערין — „זקני ת״ח כל מה שמזקינים דעתם מתישבת עליהם״, אלס היפך קומט דער מאדערנער דאקטאר אין א מאדערנער לאנד, מיט א העכסט מאדערנער ערציהונגס־סיסטעם און בע־הויפטעט אז דאס בעסט וואס מען קען טהאן פאר דער מענשהייט איז כלארפארמירען (ממית׳ען) מענשען אין׳ם עלטער פון אריבער פערציג יאהר. — אט וואו די אבית׳ע מענשען־ליעבע — ברור לו מיתה יפה.*)

---

*) עס איז אן עקסטרעם. אבער מלאכים אין להם קפיצין קיין זאך אין דער נאטור שפרינגט ניט ארויס פון העלער־הויט. דער בארג וואס ווארפט זיך אזוי אין די אויגען איז א קבוץ פון קליינע קוים באמערקבארע שטויבע־לאך. דער מיינונג פון׳ם אביגען דאקטאר איז עס דער, אויפגעשיינטער

א פירוש אויף דיזען פאקט דארפען מיר ניט געהן זוכען אין די הויכע־ניסען און טיעפעניסען פון דער מחשבה נור אין פשוט'ען מח אלס אבר וואס פראדוצירט מחשבה. דער גוף, אדער דער אבר אין גוף, וואס ארבייט שווער, דער בוים אין פעלד, וואס דער ווינד יאגט איהם און בויגט איהם. אט די אלע נאטור־קינדער, אויסגעזועטצט צו שווערע נסיונות — ענט־וויקלען זיך שטארק און שטאנדהאפט. — זיי ברענגען ארויס זייער גאנצע מעגליכקייט מן הכח אל הפועל. פערקעהרט דער גוף, דער אבר פערצערטעלט, פערפיעשצעט, די בוימעלע אין ווינטער־גארטען בעשיצט זארגפאלטיג פון אל־דאס־בייז און געהאדעוועט מיט אלע בעקוועמליכקייטען — דיזע אלע פערבלייבען שוואכע בעשעפעניסען, זיי האבען ניט געהאט נויטיג ארויס־צו־ברענגען זייער גאנצען פערמעגען אין כח.

זקני תלמידי חכמים, וועמענס מח האט אין דער יוגענד שווער און ביטער געארבייט, איז פעסט געבויט און לאזט זיך ניט אזוי שנעל בויגען פון דער עלטער, פערקעהרט די עלטער גיט אזא מח זיין פולקייט און רייפ־הייט — כל מה שמזקינים דעתם מתישבת עליהם. זקני עם הארץ אבער, זייער מח צופיעשצעט און צו באלעוועט אין דער יוגענד ווערט ער שנעל פויל און ארבייטס־אונפעהיג — כל מה שמזקינים דעתם מטרפת עליהם.

עד כאן בעגלייט די חכמה די תורה, די שני מאורות הגדולים בעלייכטעןביידע פאר'ן מענשען די וועג צו זיין השלמה. פון דאן און ווייטער ונגש משה (יסוד התורה) לבדו והם לא יגשו. און פאר דיזען אויבער־ליכט (תורה) זעהן מיר אז טוב וישר ד' וגו' און פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון — יעדען וואס ער וויל.

די תורה זעהט די אייביגע נאטור פון שכל ניט אלס פעהיגקייט פון'ם צייטליכען קערפער, נור אלס זעלבסטשטענדיגע, לעבענס עקזיסטענץ (קיום) און זי, (די תורה) לעהרענט דעם מענשען די וועג אל האלקים די מדרהון עם בשרא לא איתוהי „ואתנה לך מהלכים בין העומדים." די וועג צום אויבער־געפיהל, וואס לעבט העכער פון חוש, שטעהט העכער פון'ם שטרוים פון דער צייט. — אונגעענדערט, שטאנדהאפט איז'ם ווירבעל פון וועכסעל און פערגעהן. אין דעם רעיון געפינען מיר דעם צוזאמען־קניפונג פון'ם

אין בעוואוסטזיין און פאר דער וועלט, פאלקס־געפיהל. דער בטול וואס ליעגט בעהאלטען, ווי א ריח רע, איז'ם ווארט : „אלד מען!"

פסוק — הודיעני (לאז מיך פיהלען און מערקען) ד׳ קצי (אז מיין קיום אויף דער וועלט איז מיט אנ׳ענד) ומדת ימי מה (א גאר נישט) היא וגו׳ מיט׳ן מאמר חז״ל זקני תלמידי חכמים כל מה שמזקינים דעתם מתישבת עליהם. אין דעם אייביגען אויבער־לופט התחומין יונקים זה מזה. עס איז דארט קיין עקסטרימער זומער־טאג ניטא און דערפאר איז קיין עקסטרימער ווינטער־נאכט ניטא. דער יוגענד איז ערנסט אלט, דערפאר איז די עלטער מונטער־יונג (ולילה כיום יאיר) די נאכט איז ניט פינסטער דעם יעניגען וואס איז א שומר לבקר — ווארט אויף׳ן אויפטאגען. עס איז ווינטער ניט יאוש׳דיג קאלט דעם יעניגען וואס ווארט אויף׳ן ליעבען פריהלינג. — דעתם מתישבת עליהם.

זקני תלמידי חכמים — האבען זיך ניט געלאזען פערפיהרען פון דעם נפת תטפנה שפתי זרה — פון דער פרעמדער, בעטריגערישער צייט ווען זי האט געמאכט חן׳דלאך ביין אויפבליהען פון׳ם פריהמארגען פון לעבען, האבען זיי ניט מורא פאר׳ן בייזען פנים פון דער זעלבער פאלשער צייט ביין ווערקען אין׳ם הערבסט פון לעבען — דעתם מתישבת עליהם. דער ת״ח קוקט זיך צו גאנץ רוהיג ווי די טעג שטרוימען און רייסען אוועק מיט זיך די פרישקייט פון׳ם קערפער, די שארפקייט פון די חושים — ובטלו הטחנות כי מעטו וגו׳. אשת חיל (די תורה) לא תירא לביתה משלג (וואס זיין בארד און פאות ווערען בעשנעעט) כי כל ביתה לבוש שנים (כמו בא בימים— בא וימיו בידו) דער פלייסיגער ערד ארבייטער האט זיך ניט געלאזען נארען פון׳ם לאכענדען פריהלינג און האט אריינגעבראכט דעם ערענסט פון מיהע און שוויים אין זיין (דעם פריהלינגס־) לייכטזינן, און זיין שכר אויף דער וועלט איז, א בעזארגטער מיט אל־דאס־גוטס, ווינטער. גרסא דינקותא, דאס זיינען די פערקערפערטע קערענדלאך פון יענער ערענסט און מיהע — כל מה שמזקינים דעתם מתישבת עליהם.

זקני עם הארץ אבער, וואס זיינען צוגעקלעפט צו דער ערד, צום וועכסע־לענדען חוש. זיי זיינען מיט זייער גאנצען מהות אריינגעצויגען אין געפיהל. דער געפיהל לויפט איבער און פערשווינדעט און זיי מיט איהם. זיי ווילען ניט קיהלען זייער זומער מיט׳ן ערענסט פון׳ם אמת, זיי ווילען געניסען א פולען יוגענד און ניט בעטריבען איהם מיט דעם קאלטען טריבען אהנונג פון עלטער, דערפאר איז זייער עלטער א קאלטער, פול מיט יאוש, אהן די פערמילדערונג פון זומער.

עמד והתבונן נפלאות אל!

דער גרויסער פאטער אין הימעל האט בעזארגט יעדען לעבעדיגען וועזען מיט זעלבסט־שוטץ, אזוי אין דער נידעריגער בריאה, און אזוי אין דער פמליא של מעלה — אין דער קעניגרייך פון די אידעען. די אידעע פון עולם הזה — „אכל ושתה כי מחר נמות" איז פאר איהם א דענקענדע (מים זו תורה) עלטער געפעהרליך. אזא עלטער איז מוכשר לקבל טומאה, אנצושטעקען זיך מיט פעסעמיזם. בכן האט זיך דיזע אידעע בעזארגט מיט אזא ערציהונג וואס וועט איבערלאזען די עלטער מיט א שוואכען, טעמפען געהירען, פערקעהרט די אידעע פון אייביג־לעבען האט זיך בעזארגט מיט אזא ערציהונג, וואס וועט באגעגנען די עלטער מיט א שטארקער כלי פאר דער מחשבה, וואס פערטיגט צו אנ׳עובר פאר די לעטצטע חבלי־יולדה.

הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים.

די מאטטא פון דער מאדערנער ערציהונג איז — „בעזארגען דעם קינד מיט פרנסה און די געזעלשאפט מיט א נוטצליכען מיטגליעד". די חז"ל זאגען לעולם ילמד אדם את בנו אמנות נקיה וקלה ויבקש רחמים למי שהעשר והכבוד שלו וכו׳.

דיזען „ויבקש רחמים" פערגעסט דער מאדערנער פאטער און פיהרט זיך אויף גאטעס וועלטעל כאדם העושה בתוך שלו. ער פערגעסט אז ער איז דא אנ׳אורח און זיטצט ביי א פרעמדען טיש, און קען גאר ניט אנצייגען מיט׳ן אצבע צרדה — אט יענעם חלק וויל איך פאר מיר. וועה דעם נאר וואס מיינט ער וועט בויגען דעם לופט לויט זיין קלייד — הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. בכן ערבך ערבא צריך. א מענש קען בעזארגען זיין קינד מיט א מלאכה, קען ער אבער דען זיין זיכער אז די מלאכה ניעט איהם ברענגען רייכקייט? — כי לא עניות ולא עשירות מן האומנות וכו׳. און רייכקייט אליין איז דאך נאך אויך ניט קיין צוועק אן און פאר זיך, עס איז בלויז א מעגליכער, אבער ניט גאנץ זיכערער, מיטעל פאר א צופריעדענעם לעבען. אויב אזוי איז דאך פאראן א קירצערע און פיעל זיכערערע וועג צו דער געווינשטער צופריעדענהייט — אינערליכע רייכקייט געשעפט פון׳ם מקור חיים די תורה הקדושה — איזהו עשיר השמח בחלקו. דער אפטימיזם געשמיצט אויף׳ן בערעכטיגטען בטחון אויף׳ן אללגיטיגסטען, אללקליגסטען פאטער אין הימעל — כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. — ווער קען בעסער וויסען וואס פאר אנ׳אינהאלט און קוואליטי צו געבען דיזע מינוט — צו דער

וואס איז ערשט געקומען דיזע מינוט. צו דער וואס האלט אין זיין מעכטיגע האנד די גאנצע אורזאכען־קייט (סבת כל הסבות) פון וועלכע דיזע מינוט איז א קליין רינגעלע ? ווילסטו זומערדיג מאכען דיין מינוט לעבען ברענג זי ארונטער אונטער דער זונן — כי שמש ומגן ד׳. מיט קיינע קינסטליכע מיטלען וועסטו ניט ערזעטצען די געוויקסע די ברייטע הימלען און די פרייע לופט. אזא וועג איז די איינציג זיכערע און די איינציג מעגליכע פאר א פאטער צו בעזארגען דעם גליק פון זיין קינד. דאס איז דער שראנק פון בגדים נאך יעדער קלימאט.

בראתי יצה״ר בראתי לו תורה תבלין.

דער טרויעריגער טעות וואס דער מאדערנער מענש האט זיך איינגע־שמועס׳ט, אז עזב ד׳ את הארץ (חלילה) און דער מענש איז דער פאל־קאמענער בעל הבית איבער זיין שיקזאל. דיזער טעות פעראורזאכט צווישען אנדערע אויך פיעל שאדען ביי קינדער ערציהונג. דער פאטער געהט ערציהען זיין קינד און וואלט געוועז גערען ארוים צו רוקען איהם אויף א מעגליך העכערע שטופפע אין דער געזעלשאפט — ער זאל גלאנצען מיט רייכקייט און ערפאלג. און ער פערגעסט דיזער בעזארגטער פאטער אז דער יברכך (בעשר) אהו׳ם וישמרך (מן המזיקים) ביי זיין זייט ווערט די ברכה אומ־געוואנדעלט אין א קללה. דער מענש איז בעלויערט און בעלאגערט פון מזיקים אינערליכע (תאות) געפעהרליכער פון אויסערליכע, וועמענס מחנות און קראפט דאפעלט זיך מיט׳ן ערפאלג פון מענשען — כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו.

יצה״ר דומה לזבוב ויושב על שני מפתחות הלב.

דער שונא מין האנושי — יצה״ר ווי דער פליעג — אין א קאלטען לופט — ארימקייט, ליעגט ער ווי טויט, כמעט ווי גע׳פגר׳ט. דערשמעקט עס נור א ווארימען לופט־צוג — רייכקייט (מעגליכקייט) לעבט עס אב און עס פליאדען זיך תאות און תאות׳לאך ביז תרפ״ט אויף א מאהל, וועלכע מורידים אדם לגיהנם — פלעכטען א שטריק פאר׳ן מענשען. זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח — איין גע׳פגר׳ט פליעג פון פעטען סארט (פון די וואס האדעווען זיך אין די רייכע, פעטע מיסט־בארעלס) „פערשווענדונג״ קען פערפעסטען די גרעסטע רייכטהום אויף אזוי ווייט אז עס זאל זיין באשו (זיין שלעב־טער גערוך) הולך בכל המדינות.

בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין. — איין מעדיצען פון'ם גרויסען „וועלט־אפטייק" — תורה קען מיטשטייערען פאר'ן גליקס־געפיהל און צו־פריערענהייט מיט'ן לעבען מעהר ווי רייכטהום מיט אלע זיינע לוקסוסען. וועלכע ער קען אנבאטען. לכלהו אית להו פרכא — אלע לוקסוסען זיינען בנים לגיהנם, ד. ה. מיט א ווארים — ציערונג — רויבער, פיזישע פערגע־ניגענס — אויסגעלאסענהייט און קראנקהייט (ר"ל), עסען — פרעסען, טרינקען — זויפען, אטאמאביל — עקסידענטען א. ז. וו. לבר מדאורייתא דלית לה פרכא, דער פערגעניגען פון'ם אז תתענג על ד' איז עס דער איינציגער, פאלקאמענער, קריסטאל־זויבערער פערגעניגען — אנ'אמת'ער מהודר אהן א שפרינקעל. דאס איז אויך דער איינציגער גליק וואס איז ביין מענשען אין האנד צו בעזארגען זיין קינד — הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. אויף דעם בויען די חז"ל זייער גערעכטע בעהויפטונג — „מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה". די נייע קעהרען איבער די גרסא — מלמדים את בניהם כל האמניות ואינם מניחים אלא תורה — עס איז אבער א זינדיגער דורכפאל — ונהמו באחריתם.

עד כאן — ביז אהער בעגלייט די חכמה דער תורה אויף'ן וועג צו דער מענשליכער השלמה. פון דאן און ווייטער ונגש משה (יסוד התורה) לבדו והם לא יגשו. מאמרי חז"ל : „כל שאינו מניח בן ליורשו הקדוש ברוך הוא מלא עליו עברה". „איזהו עם הארץ כל שאינו מגדל את בניו לתלמוד תורה". „עמי הארץ אינם עתידים לחיות עם המתים דכתיב וכו', אור תורה מחייהו וכו'.

די מעשה־רע, וואס איז געווארען א מנהג און א זעלבסט־פערשטענדלי־כער מוז אין דער לעטצטער צייט — אבצורייסען די יונגע אידישע קינדער פון דער תורה און פערפלאנצען זיי אין פרעמדע גערטנער. — וואס איז ? מי יאכילני בשר ? ! דיזע מעשה־רע האט ניט פערשפעטיגט צו ברענגען איהרע ביטערע פרוכט — ענבי רוש אשכלות מרורות. — די אמונה איז עולם הבא און תחית המתים איז שוואך געווארען ביי א גרויסען טהייל פון אונזער פאלק. די מ'כלומר'שט אויפגעקלעהרטע שמועס'ען זיך און אנ־דערע איין אז מיט זייער חכמה (מישטיינס געזאגט!) האבען זיי עס דער־קלעהרט. עס איז אבער א מיאוס'ער טעות — וכי אדם לוקח מקח רע לעצמו ? — א מענש נעהמט קיין זאך אליין. ווי דער קאליר פון פייער איז אבהענגיג אז דעם פארב פון'ם גלאז דורך וועלכער ער לייכט, אזוי איז

דעם מענשענס מחשבה די דירעקטע פאלגע פון זיינע מעשים. ערגעץ איז אידישען געהירען האבען די געטליכע מענשען — אונזערע חז"ל, אבגע־שטעמפעלט א פעקיל פון געוויסע מעשים מיט — אין לו חלק לעולם הבא. ווער עס האט געעפענט יענעם פעקעל און געגאסען פון יענע מעשים הערט פון בית דין הגדול — אין לו חלק לעולם הבא, און געפינענדיג עס בהיסח הדעת אין געהירען, אין זיין בעוואוסטזיין מיינט ער ער האט עס אליין ער־פונדען. דאס איז דער מקור פאר דער טעהאריע — כפירה. דער פראקטיק פון דיזער אונגעווינשטער טהעאריע איז דער פערזינקען פון די קינדער, זייער צושמאלצען און פערשלונגען ווערען אין דער גוי'אישער סביבה — ונכרתה הנפש ההיא מעמיה. ביין לעבען קען שוין מאנכער איך זעהען זיין נשמה, זיין „איך", זיין גייסטיגער מהות, ווערט אויסגעלאשען אין זיינע קינדער. כל שאינו מניח בן ליורשו — ער לאזט איבער אפילו צעהן זיהן — בנים זרים, קינדער לויט'ן גוף און פרעמדע לויט'ן גייסט, זיי ירש'ענען זיינע נכסים, זיין פערמעגען אבער ניט איהם אליין, זיין „איך" — הקדוש ברוך הוא מלא עליו עברה. רחמנא לצלן מהאי דעתא. גאט זאל אונז פיהרען בדרך התורה והמצוה לטוב לנו כל הימים.

דער בית המדרש פעהלט אויך דעם דאלער.

אלעם אין כלל־ארגאניזם (געזעלשאפט) האט זיין עהנליכקייט אין פרט־ארגאניזם (גוף) דער דמיון פון בלוט־צירקולאציאן אין גוף איז די געלד־צירקולאציאן אין דער געזעלשאפט. זייביידע זיינען אבסטראקטען — אלעם און גאר ניט *).

בלוט קען זיין געזונדע און אויך אונגעזונדע. דער איינפלוס פון דער קוואליטי פונ'ם בלוט אויפ'ן קערפער איז זעהר גרוים. געזונדע בלוט ברענגט א געזונדען צושטאנד אין קערפער. זיינע סמנים — די לייב רייו אהן א שפרינקעל, דער גוף פול מיט ענערגי און לעבענס־לוסט, די פיהלבארקייט שארף — רופט זיך אב מיט ענטריסטונג געגען דער מינדעסטער, אונגע־

*) בלוט ברענגט פאספאר צום מח און קאלך צו די ביינער און נאך אזעלכע כעמישע מאטעריאלען פאר פערשיעדענע ארגאנישע שטאפען, גע־דיכטע און שיטערע. דאס אלעס גיט בלוט, און בלוט איז ניט איינע פון די אלע. אין געלד זיינען אויך פערקערפערט אלע הצטרכות'ן פון מענשען, און געלד איז ניט איינע פון זיי. (ואכהמ"ל)

ווינשטער בעריהרונג, שטאָלץ און וואַכזאַם אָבצוהיטען זיין אייגענאַרטיגען כאַראַקטער. דער געשמאַק שטימט שטרענג מיט די בעדירפניסע פון קערפער. אַזאַ נאָרמאַלער צושטאַנד פון גוף, וואָס, זאָגט צו אריכות ימים, איז די פאָלגע פון געזונדען בלוט.

דער היפך איז מיט אַ קערפער מיט אונריינע, אונגעזונדע בלוט. — די הויט איז פול מיט אויסזעטצען, אייטערענדע, עקעלהאַפטע וואונדען, ווענינ ענערגיע, ווענינ לעבענס־לוסט — יע גלעבט, ניט געלעבט. נאָכגעביג אין זיין אייגענאַרטיגקייט, שלאָף־מוטהיג און שלאַף־גייסטיג. טעמפ צו אונגעווינשטע בעריהרונג. דער געשמאַק ווידערוועדטיג און קאַפּריזנע — די אַלע זיינען עס די סמנים מובהקים פון אונגעזונדען בלוט.

דער ביהמ"ד לערנט:

איזוהי פרשה קטנה שכל גופי תורה תלויין בה? — בכל דרכיך דעהו. כשהוא עוסק במשא ובמתן, או במלאכה להשתכר בה לא יהיה בלבו לקבץ ממון בלבד אלא כדי שיהיה לו במה לפרנס בני ביתו ולתת צדקה ולגדל בניו לת"ת (קצור ש"ע).

אָט דיזע עטליכע ווערטער האָבען עס געגעבען די אידישע בלוט איהר ריכטיגע קוואַליטי. דער זויבערער טאָלער, געלייטערט דורך יראת שמים, געפילטערט דורכ'ן גייסטיגען אידעאַל האָט ער געשמרויממט צום אמת'ן לעבענס־פונקט פון פאָלק — מרבה תורה, מרבה חיים, מרבה צדקה, מרבה שלום, אוהב ד' שערי ציון — שערים המצוינים בהלכה. די אָבגעשפאַרטע פון די הצטרכות'ן פון דער ווייטע, לעבענס־ענערגיע — דער יוגענד. די אָבגעשפאַרטע צייט, די אָבגעשפאַרטע פּרוטה — שפּייז. דאָס אַלעס איז געוועזן געהייליגט פאַר דער תורה. און דאָרט אין מקום התורה (שערים המצוינים בהלכה) איז אויסגעאַרבייט געוואָרען די געזונדע, זויבערע פאָלקס־בלוט.

איהרע געווינשטע סמנים:

א) די אייגענאַרטיגקייט פונ'ם אידישען פאָלק איז אייגענעהיט געוואָרען מיט דעם אמת'ן אידישען עקשנות. ווי כוואַליעס אַן אַ פעלז האָבען זיך אָבגעשלאָגען אַן יענע עקשנות אַלע אנגריפע פון דער וועלט־שנאה (שנאת עולם לעם עולם).

ב) דער אַלגעמיינער פאָלקס־געפיהל איז געוועזן שאַרף, האָט זיך אָבגערופען מיט וואַרעמקייט אויף יעדער אונגעווינשטע בעריהרונג. די מצוה

פון צדקה און איינזעהניש מיט'ן אָרימאַן איז געווען זעהר וואָרים און געפיהלפול.

ג) דער לעבענס־לוסט האָט ניט אָבגעלאָזען דעם אידען ניט ביי יסורים און זאָגאָר אויפ'ן שטערבע־בעט. — די פעסטע אמונה פונ'ם אידען אין עוה"ב און תחית המתים.

ד) דער אידישער שטאַם האָט אין די פיעלע יאהרען פון זיין מאַרטירער־עקזיסטענץ ניט פערלאָרען זיין פרישקייט און לעבענס־פעהיגקייט (ועשה שרש למטה ופרי למעלה).

ה) דער געשמאַק פונ'ם אידישען פאָלק האָט געשטימט מיט זיינע בעדירפניסע (ווי עס וועט זיין באַלד אי"ה בעוויזען).

דער דאָלער אָבער ווייט פונ'ם שוועל פון בית המדרש, פון זיין גייסט־רייכען, פעראיידעלענדען איינפלוס — פער'חמר'ט (דורך די מגושם'דיגע פערלאַנגען דורך איהם בעצוועקט), טמא (פון חלול שבת), פערפלעקט (פון עברות און עברות'לאָך צו גאָט און צו לייט), פערגויאישט (פער־לייקענט דעם איד ווי ווייט מעגליך און אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דעם פּרצוף פונ'ם גוי). דיזער טמא דאָלער האָט בעשאַפען אונגעזונדע בלוט אינ'ם אידישען אָרגאַניזם מיט אַלע זיינע אונגעוויגשטע פאָלגען.

רשעים אפילו בחייהם קרויין מתים.

וואָרום? — איינער פון די וויכטיגסטע סמנים פון לעבען איז די זעלבסטשטענדיגקייט. קיין אבסאָלוטער טוידט — ווי די מחקרים ווילען — איז אויף דער וועלט ניטאָ. די איינצעלנע לעבענס זיינען עס קליינע פונקען, אָבגעשפאָלטען פונ'ם כלל־לעבען, וואָס שטראָמט אונהויפערליך פונ'ם מקור חיים ד' צבאות (המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית). וואָס פערשטעהען מיר אָבער אונטער דעם וואָרט געשטאָרבען? דאָס איז דער פונקט „רצון" וואָס באַוועגט זיך. אויב דיזער פונקט רצון אין אַ געוויסען וועזען אַרבייט זעלבסטשטענדיג, זאַמעלט אייגענזיכטיג שטאָפען און וועבט זיין אייגענעם אָרגאַניזם, הייסט עס ער לעבט. ווען דיזער פונקט „רצון" איז אָבער אוועק געררוקט העכער פונ'ם וועזען און דער וועזען איז אַריינגעדרעהט אין דער סיסטעמגיע פון אַנ'אַנדער מאַכטיגערער פון איהם קרייז־לעבען (צו מיר באַמערקען דעם פונקט פון יענעם איבער־רצון, אָדער מיר רופען עס דער אַלגעמיינער לעבען), דאַן הייסט עס ער איז גע־שטאָרבען. די קליינע פיש, למשל, איז פערשלונגען געוואָרען פון אַ גרע־

סערער פיש און איז געשטארבען. — וואס הייסט? דער יעניגער פונקט „רצון" וואס האט בעאיינפלוסט געוויסע בעמישע שטאפען און פיזישע קראפטען צו ווירקען אין זיין אינטערעס — יענער פונקט איז פערלאשען געווארען, און א העכערער קראפט־צענטער האט פערכאפט די זעלבע שטאפען און כחות און זיי ארבייטען שוין אין זיין אינטערעס. נאך א משל — דער לעבעדיגער וועזען האלט איין א געוויסען גראד ווארימקייט אום מעגליך צו מאכען די לעבענס־פראצעססען אין זיין אינערן. די ניט ארגאנישע נאטור ווערט בעאיינפלוסט פון דער אויסערליכער טעמפעראטור. אייזען איז היים זומער און קאלט ווינטער. וואסער בייט זיין מהות פון אייז צו דאמפף לויט די טעמפעראטור מיט וועלכע עס קומט אין בעריהרונג. בכן, דער וויכטיגסטער סמן צו וויסען וויפיעל גראד לעבען אדער טוידט (ר"ל) איז אין א געוויסען וועזען איז דער גראד אייגענארטיגקייט וואס יענער וועזען בעזיטצט אדער אויף וויפיעל ער איז בעאיינפלוסט פון אויסען. *)

די אומריינקייט פונ'ם מאדערנעם דאלער און אויף וויפיעל טמאת מת ער האט איז זיך קען מען זעהן בעשיינפערליך אין מחנה ישראל. וואס מעהר דער זאק איז אנגעשטאפט מיט דאלערס, אלס מעהר איז ער אונטער־ווארפען צום פרעמדען איינפלוס, אלס מעהר פערגויאישט איז ער. פונ'ם איינפלוס פונ'ם רייכערן קלאסס (אדער דער וואס וואלט געוואונשען זיין רייך — „פו" אשבע) שטאמט יענע אונגעזונדע שטרעבונג צו בויגען דעם חדר פאר'ן גימנאזיאום, די ישיבה פאר'ן אוניווערזיטעט און די אידישע תורה פאר דער גויאישער ליטעראטור. דעם אונזויבערן דאלער, דעם קנעכטישען געדאנק, וועמענס אונווירדיגער ווארצעל ציהט זיין יניקה פון יענעם דאלער־קלאסס, דער געדאנק, אז וואס דער גוי, דער רייכער,

---

*) די חז"ל שטעהן אויפ'ן שטאנדפונקט פון בעוואוסטזיין („איך") און שטרעבען צו זיין ערהאלטונג און קיום. דערפאר רופען זיי אן די תאוה (דעם נאטור־דראנג) אין אלע איהרע פאזיסען (אפילו קיום המין) — טוידט — אלס א פרעמדער איינפלוס. די נאטור, אין וועלכער דער מענש איז פערגליכען מיט דער חיה, קימערט זיך ניט פאר'ן עקזיסטענץ פונ'ם פרט „איך". דיזער לעצטער איז ביי איהר ניט מעהר אלס א ממונה אויפ'ן צייטליכען קערפער, וועלכען זי בענייט מיט יעדער קערפער. (ואכהמ"ל).

דער אדוני־הארץ טהוט. עס מעג זיין מעשה־שכם, איז מסתמא שעהן און פיין. דיזען געדאנק האבען מיר צו פערדאנקען, וואס די אידישע גאס, אנשטאט ת"ת און ישיבות, איז אנגעפיקעוועט מיט פול־רומס, טאנץ־זאלען, מואווינג־פיקטשורס, טעאטערן, רעדאקציעס א. ז. וו. וואונדען, וואס אייטערן מיט אויסגעלאסענהייט, געננגסטער־גייסט, שונד און זנות־ליטעראטור, שמור־ציגע דברים־בטלים און עובר־בטל'דיגע שמוטץ־וויטץ און עס שמעקט מיט אויפלעזונג און פוילונג — נבלה וטרפה, פערגויאישטע אידיש און אידישע גויאיש.

במקום המשפט שמה הרשע.

אין יענעם פלאטץ און פונקט, וואו אין די פריהערדיגע דורות האט זיך געוועבט דער אידישער אידעאל, וואו עס האט געשלאגען מיט פרישע כוואליעס דער אידישער אייגענארטיגער לעבען, דארט בעזאנדערס איז צו באמערקען די טמאה פונ'ם אונזויבערן דאלער, דארט בעזאנדערס שמעקט מיט'ן טוידט דער פרעמדער איינפלוס.

שעהנע, פראכטפאל־געפוצטע שוהלען האט דער אמעריקאנער איד אויפ־געטהורימט — אבער מי יעלה בהר ד'? *) נקי כפים? ובר לבב? אשר לא נשא לשוא נפשו (דעם חלק אלק' ממעל ניט אויסגעטראגען ווי א בגד — לשוא אויף ארוים צו ווארפען לאחמ"ש) ולא נשבע למרמה (וואס ער איז מושבע ועומד פון בארג סיני)?—ניט איינער פון די אביגע קעניג־דוד'ס אנגע־שטעלטע — נאר דער וואס פערמאגט דעם זיבעטען חן פונ'ם דאלער. ביי דיזען לעצטען ווערט ניט געפאדערט קיינע סמיכות און קיינע הסכמות און ער שטעלט זיך גלייך אין די פאדערשטע רייהען. און אונטער די פיהרער־שאפט און אנפלוס פונ'ם דאלער האבען עס אנגעהויבען שפראצען אין מחנה ישראל די אונגעווינשטע און אונגעזונדע פאר'ן יודענטהום גויאישע מנהגים.

---

*) מסירת מודעה:

איך רייד חלילה ניט אויפ'ן כלל. געווים איז לא אלמן ישראל. עס איז אין אמעריקא פאראן א גאנץ פולע (כן ירבו) אמת'ע אידען און שוהלען מיט פרעזידענטען בראשם ווי גאט האט געבאטען. עס וועט דאך אבער קיינער ניט אבנעהמען אז עס זיינען פאראן א גאנץ פולע, וואס שטימען מיט'ן טיפ וואס איז דא געשילדערט, און זיי מיין איך ניט אנדערע.

די שוהלען זיינען אומגעוואנדעלט געווארען פון בתי מדרשים אויף געבעט־הייזער. די שוהל איז פערשלאסען א גאנצען טאג, אדער זאגאר א גאנצע וואך. די תורה איז געווארען (אין זייערע אויגען) א מין טעאלאגישע סכאלאסטיקע, די חכמת ישראל — א גריבלענעס אין אלטע ארכיוועץ און פערשימעלטע דאטום'ס. די לערנער קאריערסטען, וואס מאכען די תורה פאר א קרדום לחפר בה — מען שטודירט אויף רבנות! איז שוין זשע די תורה, די לעבענס־קוועלע, פון וואנען אונזערע עלטערין נ"ע פערמאטערט אין מדבר העמים (מדבר גדול ונורא — נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים) האבען פון איהר געטרונקען ותחי רוחם, און האבען זיך אנגעפיהלט מיט לעבען, האפנונג און גדולה. איז שוין זשע דיזע תורה ניט מעהר חיים לעשיה — חלילה? און אויב יע, איז נור רבנים בעו חיי און כל קהל עדת ישראל לא בעו חיי? פאר'ן גאנצען המון איז גענוג א צייט־פערטרייב, א קערטעל, א צייטונג, א ראמאן, א טעאטער א. ז. וו.? דאס אלעס שמעקט ניט אידיש. אונזער ציון (שערים המצויינים בהלכה) ופתחו שעריך תמיד יומם ולילה לא יסגרו. ווער וועט דאס וואגען צו פערשליסען די הארץ פונ'ם עם עולם? ווער וועט דאס וואגען צו פערשטומען איהר צניעות'דיגען טיק־טאק? — מי בעל משפטי יגש אלי! אונזער פאלק איז אין גאנצען א ממלכת כהנים וגוי קדוש — פון קליין ביז גרויס. בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו נלך לעבד את ד' צום בארג סיני, כי חג ד' לנו. די תורה איז ניט קיין משא, ניט קיין לאסט ביי אונז מיר זאלען דינגען שבירי־יום זיי זאלען איהר טראגען — חג ד' לנו — דאס איז אונזער פערגעניגען, אונזער יו"ט. כי היא חייך — די תורה איז אונזער לעבען, זי איז אונזער וואסער און מיר זיינען די פיש, און וויפיעל קען לעבען א פיש אהן וואסער? אלע מוזען לערנען שור שנגח און חשן משפט אום זוכה צו זיין צו זיטצען אין דער מסבה פונ'ם „ושפט בצדק דלים". אלע מוזען לערנען אגדה (רצונך לדעת מי שאמר והיה העולם? — כלך אצל אגדה) אום צו נהנה זיין פון אורו של משיח. אלע מוזען לערנען ספרי מוסר אום צו נעהמען אנטהייל אינ'ם והריחו ביראת ד'.

אין שוהל איז צוגעקלעפט א מודעה בפקודת הפרעזידענט: „מען האט אנגענומען א טעאטער אינ'ם בענעפיט פון דער שוהל... בכן איז דער עולם געבעטען וכו'". און אין דער אלטער אמת־אידישע שוהל איז אנגעקלעפט א מודעה פונ'ם אמת'ן אידישען פרעזידענט, דוד המלך — ובמושב לצים

לא ישב! און עס איז אונטער גע'חתמ'עט פון די אמת'ע אידישע גבאים— חז"ל: „קול באשה ערוה". און מצוה הבאה בעברה איז שטרענג פערבאָטען. און אין דער קאָנסטיטוציאָן פונ'ם אַלטען אידישען אָרדען — די תורה הקדושה איז פערצייכענט פונ'ם קעניג איבער אַלע קעניגע, יענעם פאָטער און זעלבסט־הערשער, וואָס אַלע רעוואָליוציאָנען דרעהען איבער די אירדישע קעניגליכע שטולען (והפכתי כסא ממלכות) נור אום צו מאַכען פּלאַטץ פאַר זיין מלוכה — אין יענער גרויסער קאָנסטיטוציאָן פון יענער גרויסער האַנד איז שטרענג פערבאָטען אַזעלכע בענעפיטען — לא תביא אתנן זונה בית ד' אלקיך!

די מאָדערנע שוהל קען גאַנץ בעקוועם אויסקומען אָהן לומדי תורה. זי איז פערשלאָסען און שווייגט שטיל. די אידישע האַרץ איז פאַרפּרעסט ווי אונטער אַ שטיין פונ'ם מאַכט, פונ'ם דאָלער און שווייגט שטיל. אָבער אַ חזן מיט אַ כאָהר מגולחים אַנגעטהון גלחיש — דאָס מוז זיין. דאָס שיקט זיך פון אַלע שטאַנד־פּונקטען. אַזוי איז מען זיך נוהג אין די אַנשטענדיגע, גויאישע געבעט־הייזער. פון מסחר שטאַנדפּונקט פאָדערט זיך קאָנקורענציע מיט'ן טעאַטער. און פאַר חזוק היהדות — אום אָבצוציהען דעם יוגענד פון טעאַטער פאָדערט זיך מאַכען די שוהל אַביסעל טעאַטראַליש. (באמת וועט די שוהל צוקומען פון אַזעלכע יונגע לייט אַזוי פיעל אידישקייט וויפיעל געזונד עס קומט צו דעם שטרוים־פויגעל, אָדער דעם האַי־פיש, פון די שטיינער און שטיקלאַך גלאָז וואָס זיי פאַרשלינגען).

דער איינפלוס פונ'ם גוי וואַקסט צוזאַמען מיט'ן אונזויבערן דאָלער. די קהילה איז רייכער געוואָרען, פיהרט מען דורך אין דער קאָנגרעגיישאָן אַ רעפאָרם — מענער זאָלען דאַווענען מיט פרויען צוזאַמען. (ווער רופט עס רעפאָרם — פאָרטשריט? — דער יוצה"ר. דער רבש"ע וואָס האָט אָנגעזאָגט: קדושים תהיו — אלהיהם של אלו שונא זמה — רופט עס געוויס ריקשריט (קלקול). נאָך רייכער — וואַרפט מען אַראָפּ די היטלען, נאָך רייכער — שטעלט מען אַ כאָהר מיט שיקסעס און מען איז מדחה שבת אויף זונטאָג.

דער דאָלער געהט אָן מיט זיין טהעטיגקייט און רעפאָרמירט די בימה אויך מיט דער זעלבער שטייגערונג. — שטופּפענווייז שפּאַרט זיך דער רעפאָרם ביז ער דערגרויכט מיט זיין שפּיץ צו זיין שרש — דעם גוי (זרק חוטרא א אוירא אעקרא קאי).

זיין ערשטע טענה — וואָס טויג אַ מגיד, וואָס ברעכט פּסוקים און קוועטשט מאמרי חז״ל. בעסער אַ מאָדערנער מטיף מיט אַ געשליפענעם צונג, מיט מאַניערען, מיט אַ שעהן מעשה׳לע, מיט אַ גלאַט משל׳ע, אַ שאַרפען וויטץ צום לאַכען — חדא לרעותא — דער יעניגער איז אַ גוטער דרשן וואָס רעדט ניט צום שכל נור צום געפיהל. בכן, איז די דרשה אָראָפּגעקוועטשט געוואָרען פון׳ם תלמיד חכם צום המון. דער דרך עקש פיהרט ניט צום גוטען. די תורה איז (ר״ל) נדחה געוואָרען פאַר בדחנות— ניט וואָס מעהר יראת שמים, נור וואָס מעהר טעאַטער און קלות־ראש. אָבער דערביי בלייבט עס ניט — דער דאָלער דריקט צום גרונד. — דעם אַרט פון בדחן פערנעמט דער רעפאָרם ראַבאַי — פרנס לפי דורו — אַ מענש אָהן פּרינציפּען אויסער דעם מאַכטיגען דאָלער. און אום מוצא חן זיין ביים אונזויבערן דאָלער איז ער מדחה דעם שבת אויפ׳ן זונטאָג. און דער שכר פון יין נסך אויפ׳ן מזבח (גזרו על יינם משום בנותיהם) איז כי חלל יהודה קדש ד׳ אשר אהב ובעל בת אל נכר — ער איז מתיר אסורים — חזיר און געמישטע הייראַטהען — ותבאו בהם והם יבאו בכם.— דער רעפאָרם ראַבאַי דרשנט אין קלויסטער און דער גלח אין טעמפּעל. אפרים בעמים הוא יתבולל וגו׳ אכלו זרים כחו והוא לא ידע וגו׳.

דער פאָלקס־געשמאַק ביים נייעם אידען איז אָבגעשטאַרבען אָדער קאַליע געוואָרען — מי יאמר? — ביי אַ לעבעדיגען, געזונדען וועזען איז דער חוש הטעם זעהר פּריטיקלע. די שפּייז אַרטיקלען זיינען ביי איהם איינגעטהיילט — אין געשמאַקע, נעשמאַקלאָזע און עקעלהאַפטע, לויט זייער נוטצליכקייט אָדער שעדליכקייט פאַר׳ן קערפּער. ביי אַ קראַנקען איז דער געשמאַק קאַפּריזנע און צודרעהט — שעדליכע שפּייז איז ביי איהם געשמאַק און נוטצליכע עקעלהאַפט. ביי אַ געשטאָרבענעם איז אַלעס גוט — ווי אין אַ זאַק קענסטו אַהין וואַרפען שטיינער אַזוי גוט ווי מאַרצי־פּאַנעס.

די חז״ל זאָגען הקורא בספרים חיצונים אין לו חלק לעוה״ב, ד. ה. אַריינקוקען אין אַ פרעמדען ספר איז אַ אסור חמור, הייסט עס דער גייסטיגער געשמאַק זייערער איז זעהר פּריטיקלע. די נייע ליטעראַטור זופט און שלינגט ברוד און שמוטץ און עס איז ביי איהר גוט און געשמאַק. (דער אַרט פון דיזען אַרטיקעל איז בעשרענקט און דער ענין איז צו ברייט, וועלען מיר זיך לע״ע בענוגענען מיט איין איינציגען, אָבער כאַראַקטעריס־טישען ביישפּיעל).

דער משורר (ווי מאַנכע בעטיטלען איהם — דער פאָלקס־פּאָעט) יל״ג, אין זיין שיר „קוצו של יוד“ מאַכט ער חוזק פונ׳ם ישובניק, וואָס האָט פערהייראַטה זיין בילד שעהנע און גראַטענע טאָכטער פאַר אַ בחור וואָס לו עיני עגל, לו פאות כזנבות, לו פנים כפני גרוגרת של רבי צדוק — אבל עלוי הוא וכו׳. — היוצא מזה, דער פשוט׳ער, מגושם׳דיגער ישובניק האָט בעגריפען אַדער׳ בעסער, געפיהלט וואָס הייסט שעהן ביי אידען. ניט די שעהנקייט פון חמר — רשע במי אתה מתגאה, במי שעתיד להיות רמה ותולעה? — נור די שעהנקייט פון גייסט — אבל עלוי הוא! און דער מכלומר׳שט גייסטיגער, אָבער פער׳גוי׳אישטער פּאָעט איז געפאַלען כורעים אין ענטציקונג פאַר׳ן האַרמאָניש־אַרטיסטיש פאַר דער רגע אויפגעוועבטע פהיזיק־בעמי, פאַר׳ן גראַז וואָס בבקר יציץ וחלף און לערב ימולל ויבש, פאַר׳ן נעכטיגען טפה סרוחה און מאָרגעדיגען רמה ותולעה און איז גע־בליבען שטייף און טוידט פאַר׳ן געטליכען פונק וואָס האָט אויפגעגליהט אונטער שאָלעכטס פון עיני עגל וכו׳ — אבל עלוי הוא!

און אויף׳ן קראַנקען חוש הטעם ביים אידען ווען ער קעהרט אָב (חלילה) פון גאָטעס וועג קרעכצעט דער נביא — הוי האומרים לטוב רע ולרע טוב וגו׳ און די חז״ל וואונדערן זיך — אדם נותנין לפניו מרגלית ושיחור משליך המרגלית ונוטל השיחור?!

און מיר ענדיגען אונזערע רייד מיט אַ שאלה ותשובה כאורח גוברין יהודאין.

איז יל״ג אַ איד? איז די שוהל וואָס נעהמט אויף טעאַטער בענעפיטען, וואו עס זינגט אַ כאַהר מגולחים אַנגעטהון גלחיש — אַ אידישע שוהל? דער חוש זאָגט — יע! דער שכל זאָגט — ניט!

למשל — מיר שטעהן אויף׳ן ראַנד פון אַ זומפף. מיר זעהן איינער וואָס איז אַרויף אויף׳ן זומפף מיט עטליכע טעג בעפאַר איז שוין טיעף פערזונקען און דער אונזויבערער וואַסער איז שוין אַריבער געשוואומען זיין קאָפּ. דער צווייטער איז דאָרט אַרויף עהער־נעכטען, דערגרייכט איהם דער זומפף ביז׳ן גאַרטעל. נעכטען — ביז די קניע, ערשט מיט אַ שטונדע בעפאַר — בלויז די פיאַטעס זיינען פערשוואומען מיט׳ן זומפף. פרעגט זיך, איז דער לעטצטער פערזונקען אין זופף? דער חוש ענטפערט — ניין! דער שכל ענטפערט — יע! — דער שכל פערלויפט פאַראויס, און וואָס עס מוז קומען איז ביי איהם מזומן.

דער לוסט צו נאכאהמען און נאכשפאטען דעם גוי איז עם דער זומפף וואו אידישקייט פערזינקט און פערשווינדעט, און דער אונזויבערער דאָלער, די אבסטראהירונג פון פיזישען געָנוס (דער טאָפּ לינזען אָדער תאוה) איז דער וועג־ווייזער און הולך בראש אויף דיזער פעראיהרטער און פעררע־טהערישער וועג. — ויד הסגנים והשרים היתה במעל הזה בראשונה והשארתי בקרבך עם עני ודל וחסו בשם ד׳.

ה ע ר ה א)

אלא וואס? — עס איז עגאאיזמוס, זעלבסט־זוכט! איז דאָך די קשיא, ווארום האט דיזער עגאאיזמוס געפיהרט צו תורה (די טעאָריע, דער וואָרצעל צו זיינע צוויי מאכטיגע צווייגען) — עבודה (כלל־השגה) און ג״ח אויך א כלל־זאך, און צו דער בעהויפטונג אז דער שכל האט אן׳אלגעמיינע איבערגע העכער פון פרט וועלט־בעדייטונג. און די, דוכט זיך, כלל־ארבייט פון די פרייע האט געפיהרט צו מאטעריאליזמוס, -- דער מיינונג אז דער גאנצער מהות מענש אין זיין וועלט איז א מאגען (א בעמישער אפפאראט) מיט זיינע משרתים־חושים און אברים מיט׳ן שכל איינגעשלאסען — אין א מאגען — א גרויסען קאלאואראט פון כעמישע שטאפען — אונבעזאנענע קראפטע אין זייער קאמפף האבען ארויס געבראכט א קאמפפענדען פול יסורים אונזינן־לעבען. — הייסט עס א מאראללאזען אדער אונגעזעלשאפט־ליכען וועלט־אנשויאונג. און אינדיווידואליזמוס, וואס מיינט אז די גע־זעלשאפט איז בעשאפען בלויז צו פערזיכערען און בעקוועמליך מאכען דעם צייטליכען (אינדיווידועלען) קיום, און דער שכל איז א פרט־געוועהר, ווי דער האָרן ביים אקס, א. ז. וו.

בכן, אונזער שאלה בקצור — ווארום האט דער אידישער עגאאיזמוס געפיהרט צום כלל און מקריב געווען דעם פרט־לעבען פאר׳ן שכל און מאָ־ראל — פת במלח תאכל וכו׳ ובתורה אתה עמל וכו׳ כל העוסק בתורה ולא בגמילות חסדים וכו׳. און דער אידעאליזמוס פון די נייע, פרייע האט געפיהרט צו דער טעאריע אז דער כלל (מיט׳ן שכל און מאראל) איז א חמור למשא פאר׳ן פרט? דער תירוץ בקצור — דער כלל איז א שכל־זאך (אבסטראקט) א לופט־וועזען וואס ענטרינט פון מענשען׳ס אויפפאסונג. דאס איינציגע ממשות׳דיגע איז דער פרט. בכן ווען מיר ווילען אויפפאסען דעם כלל מוזען מיר איהם זוכען אין פרט און מיר וועלען איהם געפינען אין יענע פונקטען אין קערפער מיט וועלכע ער קומט אין בעריהרונג מיט

זיינע ברידער. דעם מענשענס „איך" איז א קליינע בעוועגליכע פינטעלע. שטעהט יענע פינטעלע „איך" ביי דעם מענשען אויף יענעם ארט, וואו ער קומט אין בעריהרונג מיט זיינע מיט־מענשען (תורה ועבודה וג"ח) דא איז דער פרט א כלל־זאך. שטעהט אבער יענע פינטעלע „איך" אויף יענעם ארט אין קערפער וואס בעריהרט ניט דעם צווייטען (אבער יעדער פערמאגט עס פאר זיך — עסען, טרינקען, בכלל הנאה האבען) איז דער כלל א פרט־זאך (ואכהמ"ל).

ה ע ר ה ב).

מאמר חז"ל. אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם וכו' די מאדערנע מענשען, שטאלץ מיט זייער ציוויליזאציאן, דרעהען איבער די גרסא. בכן איז ניט מעהר ווי רעכט צו באקלעהרען — ווער איז גערעכט?

די מאדערנע טעכניק מיט איהרע וואונדער מאשינען האט אומגעוואנדעלט די צורה פון דער ערד און פון לעבען. זי האט בעפיעלזייטיגט דעם לעבען מיט בעקוועמליכקייטען און בעדירפניסע. זי האט בעררייכערט דעם מענשענס וויסען, פערשארפט זיינע חושים פאר די געהיימניסע פון דער נאטור. פערוואלוועלטליכט ארט. פערייביגט, אויף א ווייל פון דער נאטור אויפגעוועבטע, געשטאלטען, ערשיינונגען און קלאנגען. אינדוסטריע און האנדעל האבען ארויסגערוקט פאר'ן מענשענס אינטערעס פארשיעדענע פראבלעמען און אויפגאבען, וואס האבען ארייגעצווינגען דעם מענשען אינ'ם קעסעל־גרוב פון פערשיעדענארטיגען, פיעלפארביגען, גזעלשאפטליכען צוזאמענלעבען.

היושב על חוג הארץ ויושביה כחגבים.

הויך אין כמות און איכות איז דער אויפטהו פונ'ם נייעם מענשען, און פון זיין שפיטץ אראפ קוקען אויף דעם ארימען, מיזעראבלען לעבען פון די פערצייטיגע דורות — וועקט זיך באמת אויף אין הארצען א געפיהל פון רחמנות און מיטלייד, אבער אויך מיסאכטונג, צו יענע פער'חשב'טע מענשען מיט זייער צרה'דיג לעבען, אויסגעזעצט צו אלע קאפריזען פון דער ניט בעשטענדיגער נאטור — הייתי ביום אכלני חרב וקרח בלילה וגו'.

דאס איז אבער איין זייט פון דער מטבע, עס איז פאראן א צווייטער זייט. דער אויסגאנגס־פונקט און דער צוועק פון אלעם איז דער מענש אליין, און אויב דיזער צוועק איז פערפעהלט איז אלעם ווערטה אנ'אויסגעבלאזענע איי. — אם אין „אני" כאן מי כאן? אויסערליכער רייכטהום, גלאנץ

און פּוטש אהן די אינערליכע צופרידענהייט איז אַנ׳אויסגעפּוצטער מת. — אט דאָס איז דער נייער לעבען.

די מאַשין. — היעשה לו אדם אלהים (ומלך)? האט דער מענש געפונען א וואסער ביישטייערונג צו זיין גליק אין דער נייער טעכניק מיט איהרע וואונדער־מענשען? ניין! די מאשין האט פערשקלאַפט דעם מענשען אין זיין זיעגרייכען צוג צווישען די נאטור־קראַפטען. וועה צו דעם אייזערנעם זעלבסט־הערשער — די מאַשין, זי זויגט אוים דעם מארך פון די ביינער. וועה צו דעם אבגאָט, וואָס זיין מזבח איז די גאַנצע ערד און זיינע קרבנות זיינען אכזריות׳דיג, טייוואַליש־צאהלרייך. בעל מיט מלך מיט בוצליפאצלי צוזאַמענגענומען זיינען אַנקעגען דער בלוטיגער מאַשין נאַאיווע, ווייכ־הערציגע קינדער.

רייכקייט, בעקוועמליכקייט — איז אין דעם דער פיעל געווינשטער גליק? — ניין! דער קערפּער האט זיך צופיעל צושפּרייט און פאַנאַנדער געוואַקסען אויפ׳ן חשבון פון דער נשמה, און אַז אַך און אַז וועה איז צו זייביידען. — דער קערפּער איז געוואָרען א צובאַלעוועט קינד, א נאַשער, א טריף־האלז, קרענקליך, נערוויאיש, לייכטזיניג א. ז. וו. — א גביריש קינד! און די נשמה? פערשלונגען אין וויסטען הו־הא, האט די בע׳גזל׳טע נשמה קיין פרייע, בערוהטע מינוט זיך אָבצוגעבען א רעכענונג — נו, צו וואָס? פון וואַנען און וואוהין?

ווער האט אבער אומגעוואַנדעלט די ברכה אין א קללה? — כח איז א ברכה, רייכקייט איז מאַכט. דער גליקס־געפיהל פון יוגענד, זיין צו־פריעדענהייט שטאַמט פון זיין וואַקסענדען כח — תפארת בחורים כחם. בכן די יונגע מאַכטיגע ציוויליזאַציאָן מוז מסתמא האָבען א וואַסער אינער־ליכען פעהלער, וואָס מאַכט שוואַך איהר כח, וועלקענד אַלט איהר, אין פראַכט בליהענדען, יוגענד?

לפני שבר גאון וגו׳.

דער איבערשעטצען דעם אייגענעם כח דאָס איז דער העדר פונ׳ם יש, דאָס איז די באַהעלטענים פון וואַנען דער אונגליק לויערט אויף די, אויף א ווייַלע בעשיינט פונ׳ם אונבאַשטענדיגען גליק, מענשען. יש חכמה בעמים תאמין, יש תורה בעמים אל תאמין. די, שטאַלצע אויף זייער מאַטעריעלע הצלחה, וויסענשאַפטסלייטע האבען געוואָלט נעהמען א תורה לויט זייער געשמאַק, פערלאַנג און פערשטאַנד. — אבער, היעשה אדם אלהים? — א

האר פון אויגען־ברעם, א נאגעל פון פינגער קען דער מענש ניט אויס־קלייבען לויט זיין געשמאק, און א תורה, א יסוד פאר וועלטען, א קוועלע פאר'ן לעבען — מיינט ער צו נעהמען אליין ?!

עס איז ניט דא דער ארט מאריך צו זיין. איך וועל דא נור אנצייגען אויף אייניגע כאראקטעריסטישע שטריכען אין דער מאדערנער אויפפאסונג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, און זיי וועלען אונז געבען דעם שליסעל צו דער אביגער רעטעניש.

א) דער מאדערנער מענש פיהרט דורך א שטריך צווישען דעם אמאהל און היינט און געפינט צווישען זיי פיעלע התנגדות. דאס איז ניט מסכים מיט'ן ענטוויקלונגס־גאנג פונ'ם לעבעדיגען וועזען. דער מענש וואקסט און ענטוויקעלט זיך פון יוגענד צו עלטער און זיין בעוואוסטזיין (זיין „איך") פיהלט זיך אלס איינהייט. דער אלטער שכל איז עם דער צייטיג געווארענער קינדהייטס־געפיהל. די תורה איז מסכים מיט גאטעס־נאטור און ניט מיט דער מאדערנער אויפפאסונג. די תורה איז געוואקסען — משנה פון מקרא און תלמוד פון משנה א. ז. וו. און די געגענזייטיגע שטייגערונג פון כמות (קוואנטיטי) און איכות (קוואליטי) שטימט אויך מיט. דער כמות שטייגט פון פריהער צו שפעטער, דער איכות (וויכטיגקייט) פערקעהרט פון שפעטער צו פריהער. דער שטאם און די אונטערשטע צווייגען זיינען ווייניג אבער וויכטיג.

ב) דער פערצייטיגער האט בעהויפטעט אז דער יחיד, דער פרט (אינ־דיווידואום) לעבט צוליעב דעם כלל און ווערט בטל אין איהם. דער מא־דערנער וויל עס ניט: „דער קאנקרעטער מענש מיט בלוט און פלייש, מיט א רעאלען ממשות'דיגען לעבען קען ניט זיין דער נעבען־זאך פון א שכל־סמן, א לופט־פינטעל, געפיהל—לעב—און ממשות'לאזען אבסטראקט". בכן זיינען זיי גורם פערקעהרט — דער כלל איז בעשאפען בלויז פאר די בעקוועמליכקייטען און זיכערהייט פון פרט. *)

---

*) אויף דיזען צוריקגאנג פון כלל צום פרט, ווי די נאטור איז מחייב, האט דער מאדערנער מענש פערלארען דעם אמת'ן באזיס פאר מאראל. — קיין צווינגענדער מאטיוו פאר'ן „סור מרע ועשה טוב". די מאדערנע חוקרים האבען געזוכט א יסוד פאר'ן מאראל אין אלטרואיזם (דער מענש איז א געזעלשאפטליכע בריאה), אין אוטיליטאריזם (געגענזייטיגע נוטצליכקייט—

ג) דער פערצייטיגער מענש איז געווען אָבער־גלויביש, פּערבלענדעט. דער נייער אָבער קוקט קריטיש אויף אַלעם און זעהט אַלעם מיט „אָפענע אויגען" (און וואָס זעהט ער? אַז עס איז ניטאָ (קיין רוחניות) — אַ בלינדער זעהט אויך אַז עס איז ניטאָ).

אין דיזען לעצטען פּאַראַגראַף איז דער וואַרצעל פון׳ם גוואַלדיגען דורכפאַל פון דער יונגער, שטאָלצער ציוויליזאַציאָן. מיט׳ן אָבער־גלויבען האָט דער מאָדערנער מענש אָוועקגעשאַרט דעם מאָראַל מיט׳ן שכל מיט דער געזעלשאַפט צוזאַמען. ער האָט פון זיי אַלעמען געראויבט די בערעכטיגונג אויף זעלבסט־שטענדיגקייט און האָט זיי פערשקלאַפט צום אינדיווידועלען חוש. דער גלויבען אין אַלע זיינע פאַזיסען, אָנהויבענדיג פון עבודת האבות (טויטען־קולט) האָט דורות לאַנג געוועבט דעם דענ־קענדען, אַבסטראַקטען, געזעלשאַפטליך־געשטימטען מח. דער מאָדערנער מענש מיט „אָפענע אויגען" האָט מיט זיין עקעל־געפיהל צום אָבער־גלויבען פערקוקט יענעם לאַנגען ענטוויקלונגס־פּראָצעסס. ער (ד. ה. זיין „איך", זיין בעוואוסטזיין) האָט איבער געהיפּט די שפּורען פערבליבען אין מח פון יענער לאַנגער (דורך צערעמאָניעס און מעשה־המצות) איבונג, און האָט זיך געשטעלט מיט׳ן פאַר־היסטאָרישען מענשען (און מיט דער חיה) אויפ׳ן אינדיווידועלען שטאַנדפּונקט, וואו דער לעבעדיגער וועזען ווייס בלויז פון צייטליכען עקזיסטענץ.

אויף דיזען צוריק־קעהר האָט דער מענש פערלאָרען אַלעס, וואָס אין זיין מח איז פערבליבען געזעלשאַפטליכעס. דער מאָראַל מיט׳ן שכל זיינען אַראָפּ פון בעלהבית׳ישקייט, און באַנקראָט זיינען זיי געפאַלען אַלס שיך־פּוצער ביים חוש. *)

שלח לחמך וגו׳), דער פאַקט אָבער אַז פון דיזע יסודות זיינען אויסגע־שלאָסען די מחשבה מיט׳ן דבור, צייגט גאַנץ דייטליך אַז זייערע פּראָבען (נסיונות) זיינען אַ דורכפאַל.

*) עס איז דאָך אויפגעטהון וואונדער! אָבער אַזאַ כח צו פערטאַכ־לעווען ריקזיכטסלאָז. אַזעלכע גרויסע סוממען שכל־ענערגיע, ערפינדונג און וויטץ פאַר אַזעלכע קליינליכע, אונגעווינשטע צוועקען (אַ ווײַלע אַ קיטצעל טאָהן דעם חוש) קען נור אַ ווילדער פערשווענדער, ווענען עס איז אויף אַ ווײַלע צוגעפאַלען אַ גרויסע נחלה און בעפאַר זי ווערט אַרויסגעריסען

דאָס איז דער מקור פון אַלע אומזיסטע צרות, און שלאָפקייט פאַר וועלכע דער מאָדערנער, ריעזענהאַפטער בעל־כח, דער העלדישער מאַשינען־רייטער איז געפאַלען אַלס קרבן.

אַלס איללוסטראַציאָן וועלען אונז דינען צוויי אויסציגע פון אונזער „נייע ליטעראַטור“.

דער פּאָעט ביאַליק בעדויערט דעם אידישען מתמיד: „זעקס יאָהר אבגעשלאָסען פון דער וועלט און מענשען, פערשפּאַרט אין אַ דונקעלען ווינקעל, אין ביהמ״ד שטעהט דער מתמיד ביי זיין שטענדער, און הערט ניט אויף צו זינגען זיין האַרצריהרענדען, מעלאַנכאָלישען נגון — הוי, אמר רבא... עס ציהט פערביי דער לעבען אין זיין אויפלעבען און וועלקען, אַלעס ענדערט זיך אַרום און דעם מתמיד בעריהרט עס ניט א. ז. וו.“ און עס וואַקעלט דער גייסט פונ׳ם פּאָעט צווישען איד — „במדומה לי שם על הארון מלמעלה כשחוק צדיק תמים הופיעה נהרה השכינה תתענג על הבל פי תינוק“, און צווישען דעם גוי „או אולי היא תלעג לקרבנותיה הקוברים חייהם במחשך בצנוק, המוסרים בגבורה את נפשם עליה?“ ביז ער ענדיגט מיט די ווערטער: „מה צחיחה החלקה ומה מקוללה אם פרודות כאלה תעבשנה בתוכה“ (ווער האָט אָבער בעשאַפען די פּרודות?!) ובכן האָט דער גוי מנצח געווען.

פון זיין האַנד זעהט ער וואָס גיכער אַריין צו כאַפּען וואָס מעגליך. — „אכל ושתה כי מחר נמות!“ אָט דאָס איז דער טראַסק און דער בליאַסק פון דער נייער ציוויליזאַציאָן. זי איז גרויס אין די מיטלען אָבער אונוויכטיג, אונווירדיג אין די צוועקען. דאָס ווערען די וועקסלען פון שכל אויף עוה״ב (דער אונרייפער יוגענד, וואָס שטרעבט צייטיג צו ווערען) אויסגעביטען אויף גאַנג־באַרע אין דער קרעמעל פון עוה״ז (חוש וואָס האָט קיין מאָרגען ניט) קליין־געלד. דאָס איז די ליקווידאַציע פון דער באַנקראָטירטער שכל־פירמא. דאָס איז דער שעהנער, יונגער, אונצייטיגער (אָבער פון גאָר גרויסען סאָרט) זויבערער, שפּילענדער פיש (שכל) געשטאָרבען אינ׳ם בויך פונ׳ם אַלטען (אָבער פון קליינעם סאָרט) פיש, און זיינע (דעם שכל׳ס) שטאָפּען ווערען אויפגעלעזט און בויען די אברים פון דער מיאוס׳ער בריאה — חוש.

מענדעלי מו"ם קינסטלעריש, חוצפה'דיג גרײפט אן דעם תנא אין אבות וואס זאגט: ההולך בדרך ושונה וכו' ואומר מה נאה אילן זה וכו' הרי זה מתחייב בנפשו. — „טרוקענע נפשות, פערדריפטע נשמות, פגרים מתים. אבגעלעגט אויף דער טרוקענער הלכה פיהלט ער ניט דעם דופק פון לעבען אין'ם אילן זה א. ז. וו." און מענדעלי ווערט צושמאלצען אין'ם ווייסען רעטשקע.

דא זעהן מיר א פערשידענע ווענדונג פון צוויי געגענגעזעצטע כא־ראקטערע. דער שכל הישר ערלויבט אונז ניט אן צו נעהמען די ערקלעה־רונג פון די אביגע פאעטען. פון א לעבעדיגען מענשען איז קיינער ניט בערעכטיגט צו רויבען זיין זכות אויף געפיהלען, ווי אויף בלוט און פלייש און אנדערע נאטירליכע אייגענשאפטען. די אנגעלעגענהייט איז דא ניט אין געפיהלפולע און געפיהללאזען לעבען, נור אין דער פערשידענער ספערע, וואו דער מענשליכער „איך" — דער העכסטער רצון לעבט.

דיזער לעצטער, ווי יעדער לעבעדיגער וועזען, איז ביז ענד זעלבסט־זיכטיג, עקסטרעם עגאאיסטיש — כל העולם כלו לא נברא אלא בשבילי. ער איז גרייט איינצושלינגען און איינצוזויגען (אססימילירען, ווי די פיזי־אלאגען רופען עס) אלעס מיט וואס ער קומט אין בעריהרונג.

ביים תנא (און זיין תלמיד דעם מתמיד) וואוינט יענער „איך" אין אבסטראקטען (העכער פון די אינדיווידועלע חושים) גזועלשאפטליכען שכל. דיזער לעצטער האט אויסגעזויגען און אבגעצויגען דעם איבערפלוס פון לעבען פון די חושים, און האט זיי אבגעשטעלט אויף א שוואכען, בלוט־לאזען עקזיסטענץ.

ביי די פאעטען און זייער געזינונגס־גענאסען איז דער עיקר חיות (זייער „איך") קאנצענטרירט אינ'ם אינדיווידועלען חוש און ער שפייזט זיך אויפ'ן חשבון פון שכל.

דער דמיון איז דער פערמיטלער צווישען חוש און שכל. דער דמיון הויבט אויף די חושים־איינדריקע אין מח און לאזט זיי שווימען פריי פאר'ן שכל. דיזער לעטצטער לייטערט איבער יענע איינדריקע (בלשון חכמים — אנאליזירט זיי), טהיילט אב דעם תמצית פונ'ם שאלעכטס, די עצמיות (וועזענטליכעס) פונ'ם מקרה (צופאל) און מאכט פון דעם בעגריפען, און דער אורטהיילס־קראפט מיט דער הילף פון כלי המעשה — ווארט און שריפט, גיט עס איבער אינ'ם פארם פון היקשים און משפטים אינ'ם פאלקס־זכרון

און עס ווערט א פאלקס-פערמעגען. ווער פראפיטירט דא? — דער שכל.

ביי די פאעטען כאפט אויף דער דמיון די ערשיינונגען אין זייער גאנצ-קייט, אין זייער איבערלויפענדען געוועב, און אזוי ווערען זיי איבער גע-געבען דורך כתב ולשון אין די אייביגקייט ד. ה. אין דער כלל-ספערע פון דער געזעלשאפט. ווער געווינט דא? — דער חוש. יעדער מענש קען אלע מאהל זעהן און איבערפיהלען דאס זעלבע וואס דער פאעט האט געזעהן און געפיהלט אין יענער רגע.

אט דא איז דער פרשת-דרכים, וואו יעקב מיט עשו'ן האבען זיך צור-טהיילט מיט די וועלטען — עוה"ז און עוה"ב, און זיינען פאנאנדער גע-גאנגען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען.

פלאנעניש איז זייער ישועה, קראנקהייטען איז זייער רפואה.

קיום.

כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עוה"ב. ר"ע אמר אף הקורא בספרים חיצונים — אין לו חלק לעוה"ב *). נובלות תורה—חכמה. אידען, אויף וועמען ישעיה הנביא זאגט „ואתם כהני ד' תקראו וגו'" זיינען זיך עוסק אין תורה, און זיי אלס כהנים, וועלען עסען די בכורים — ונהנים מזיו השכינה. דער המון אבער, וואס וויל קערפערליכע הנאה, וועט עסען די נובלות פון תורה—חכמה. ווי ווער עס וויל, אבער אזוי ווי די ערשטע האבען הלכות און עוה"ב אזוי די לעצטע. די ערשטע האבען די תורה — ביז די אחרוני הפוסקים, און די לעצטע האבען — פיזיק, כעמי א. ז. וו.

די וואס זעהן זייער וועלט אין שכל, זייער „איך" שטעהט אין אב-סטראקט (הפשטה) ווייט פון די חושים, דיזע לעצטע אלס א טפל, אין הינטער-גרונד, משרתים פון שכל, בענוצענען זיך מיט די ברעקלאך משלחן גבוה קא זכו. בעשיידען, עניות'דיג (שייף עייל שייף נפיק) אין אלעם, וואס איז נוגע דעם גוף, דעם מאטעריעלען קיום. דערפאר אבער מיט א שטארק ענטוויקעלטען שכל (וגרים באורייתא תדירא). דיזער לעצ-

---

*) אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם. די פערצייטיגע קדושי עליון האבען ערקלעהרט דעם הימלישען זייט פון עוה"ב — אין בו לא אכילה וכו' אלא צדיקים יושבים וכו'. מיר אלס מענשען קענען נור ער-קלעהרען דעם אירדישען זייט פון עוה"ב.

טער איז מיט זיין ווארצעל און מהות געזעלשאפטליך. זיינע ערפינדונגען מוזען זיין אלגעמיין, און זיינע געפיהלען אויך אלגעמיין — צדקה און מעשים טובים. דער לעצטער, העכסטער וועלט-געריכט פאר לעבען און טוידט איז די געזעלשאפט (מאראל). בכן די געזעלשאפט וואס האט גע־אורטהיילט לעבען און קיום צו דער שוואכער, וואליגער שעפס, די זעלבע געזעלשאפט וועט אורטהיילען לעבען צו דעם שעפסען-טיפ צווישען מענשען.

לא כן הרשעים — די וואס שטעהן אין חוש, לא יקומו במשפט. דער חוש איז אינדיווידועל, בכן געגנעריש צו דער געזעלשאפט און וואס די עשרת הדברות (דער יסוד פון דער געזעלשאפט) זיינען מעהר געבראַ־כען איז דער חוש אלס מעהר צופריעדען — הנאה. די געזעלשאפט בע־שיטצט דאך אבער איהרע אינטערעסען און צאהמט דעם פרט — די מחשבה מיט'ן דבור זיינען פריי, „מיט מיין מחשבה — זאגט דער פריי-דענקער — וועל איך דאך יענעם קיין בייל ניט שלאגען”. דאס זעהן מיר אין דער נייער געזעלשאפט (געגרינדעט אויף פרייע יסודות) איז די מחשבה פער־זונקען אין מ"ט שערי טמאה. דער חוש זוכט א פעטע הנאה און לאזט דעם דמיון ארום שלעפען איהם אין אלע היילען פון זינד און פערברעכען. סוף מעשה במחשבה תחלה — דא הייבט זיך אן די ריכטיגע מעשה־שטן, וואס נידערט דעם רשע אין גיהנם. אין געהיים, אין די מיסטעריען פון געבורטה, קלייבט דער שטן די ברעקלאך פון טמאה, קאנצענטרירט עס, און לאזט די געזעלשאפט עס אויסשפייען אינ'ם אויסוואורף. עס איז ניטא קיין מוכס — זאגען די חז"ל — וואס די גאנצע פאמיליע זאל ניט זיין קיין מוכסים. דער פונק טמא לעבען ווערט אויסגעלאשען אין חרפה.

ש כ ל.

ובמושב לצים לא ישב.

דער שכל איז אין דער נייער ציוויליזאציאן בע'גזל'ט, און דע געזעל־שאפט בערויבט. — ותמלא הארץ חמס. דער אפעטיט ביי די אינדיווידועלע חושים איז צורייצט און זיי פערשלינגען אלעס און בלייבען הונגעריג — אין אדם מת וחצי תאותו בידו. דער שכל האט אויסגעקלעהרט מאשינען און דער מאדערנער מענש איז ביכולת צו בעזארגען זיין נויטבעדירפטיגקייט אין געצעהלטע מינוטען. — ווער עסט אויף די איבריגע צייט? דער צו־לאזענער חוש, די איבערפליסיגע נוטצלאזע, און אפט אויך שעדליכע בע־קוועמליכקייטען און פערגעניגענס. דער זינדיגער זווג פון חוש, וואס זוכט

בענייאונג און וועכסעל מיט געזעלשאפטליכקייט והיו לבשר אחד — איז מאדע. דער אויסנארען די נאטור, גנב'ענען פון איהר אומזיסטע הנאה. דאס אלעס איז די אונגליקליכע שכרות. דער דירעקטער פלאג פון די רייכע און אונדירעקטער פון די ארימע.

ווען דער געזעלשאפטליכער שכל וואלט ניט געווען פערשקלאפט — שמש לדבר אחר, נור א בעל־הבית פאר זיך. ערפונדען א מאשין — גע־פונען א פרייע מינוט פאר זיך. דער איד איז זיך עוסק בתורה. דער ת"ח איז זיך מעמיק בגפ"ת. דער המון זאגט תהלים — פונקען פון תורה און יראת שמים.

יש חכמה בעמים תאמין. ביי גויים דער געלעהרטער שטודירט די נאטור, און זוכט איהרע געהיימנים, דער המון לערנט די פאעזי פון וויסענשאפט און בעוואונדערט איהרע וואונדער־טהאטען. — פונקען פון חכמה, עהר־פורכט און בעגייסטערונג פאר דער וועלט־הערשערין — חכמה. מעולם נסכתי וגו'. בידך אפקיד רוחי — דער מענש אנפערטרויט זיין נפש, זיין גייסטיגען אויפטהו אויף דער וועלט אין דער זיכערער האנד פונ'ם בורא ב"ה. און דער בורא ב"ה, ביי וועמען א קליינע שטויבעלע איז חשוב ווי א בארג, ווייל פון קליינע שטויבעלאך האט ער אויפגעקליבען דעם בארג — זאמעלט יענע פונקען פון קדושה (פרישות — אבסטראקט) מיט חסד און רחמים — אין א הייליגען פלאם להאיר לארץ ולדרים — חסידים וקדושים ביי אידען, און געניאלע וויסענשאפטסלייט — ביי גויים.

איזהו עיקר שהכל תלוי בו? — ובמושב לצים לא ישב.

לאנגע שטונדען פערברענגען מיליאנען מענשען אין די טעאטערן, צירקען א. ז. וו. אמוזירונגס פלעצער. די מיליאנען שטונדען וואס א בעל־חשבון קען אויפציהען אין לאנגע יאהרען פון לעבען — טהייערן לעבען בעלויכטען פו בעוואוסטזיין. אט דיזע צייט די קאסטבארע (אזוי פיעל ענטוויקלונגס פראצעסס — עוואלוציע) פעדים פונ'ם מענשליכען לעבענס געוועב, ווערט פערשלונגען פון די חושים און אויפגעלעזט אין שפין־וועבס. מיליאנען מענשליכע כחות, צייט, ענערגי און געניע ווערט פערוועדעט אויף אוים צו ארבייטען נוטצלאזע לוקסוסען. ומי ישיב לנו תמורתם?

די מענשהייט ליידעט פון אונמאראל, פערברעכענס — ווארום? דער שכור'ער חוש פערשפיעלט זיינע יאהרען אויף פוסטע רייצונגען, אונזויבערע, אונווירדיגע אויפרעגונגען, אויף בייוואוינען (אין דמיון) דעם אונגעוויינ־

שטען אויפטהו פון קנאה, שנאה און אויסגעלאסענהייט. ורעה זונות יאבד הון — הונה של תורה.

מאראל — כיון דאתא לידן נימא ביה מלתא.

קיינער וועט ניט אוועקנעהמען אז א דירעקטע מלחמה אנקעגען און גערוינשטע אינזעקטען (פליעגען, קאמארעס א. ז. ג.) אבשייליכע קריכענדע (פרעש, ווערים א. ז. ג.) איז נוטצלאז. קיינער וועט אויך ניט בעהויפטען אז א דירעקטע מלחמה אנקעגען די סימפטאמען פון א געוויסע קראנקהייט וועט ברענגען די געווינשטע געזונדהייט. איןביידע פעלע מוז בעשטריטען ווערען די סבה, ווען די אונגעווינשטע פאלגען ממילא אוועק.

וואס עס געשעהט אין דער נאטור און אינ׳ם אינדיווידועלען קערפער, מוז אויך געשעהן אינ׳ם אלגעמיינעם ארגאניזם פון דער געזעלשאפט.

עלובה עסה שהנחתום מעיד עליה שהיא רעה.

דער בורא ב״ה אליין זאגט עדות אויפ׳ן מענשען — כי יצר לב האדם רע מנעוריו — ד. ה. א פיינע טעריטאריע, אבער א זומפפיגע, פול מיט געמייזעכטסען, וואס ווימלען מיט שלעכטע פליעגען (יצה״ר דומה לזבוב) און אבשייליכקייטען, וועלכע מען מוז היילען מיט — מאראל.

די תורה הקדושה דער העכסטער אויסדרוק פון נבואה*) בעפאלמעכטיגט פונ׳ם אמת׳ן רופא חולים — דעם בורא ב״ה (כי אני ד׳ רופאך)

*) די טרעגער פון נבואה זיינען די יעניגע אבגעארדנעטע פונ׳ם געטליכען כלל־כח אין דער געזעלשאפט צו משיג זיין די אויבער־ספערע (השמים החדשים) מיט וועמען דער כלל־ארגאניזם וועט זיך באגעגענען באחרית הימים. דארט איז בעהאלטען דער אור הגנוז אין די אצילות פונ׳ם בורא ב״ה — והיה לך ד׳ לאור עולם. אום צו פערפערטיגען דעם געזעלשאפטס אויבער־קערפער צו יענעם מלאכים־צושטאנד קומען חקים ומשפטים צדיקים פון דער תורה הקדושה— פה אל פה כביכול. בכן איז די נבואה א כלל־זאך און דער איינצעלנער מענש קען עס ניט פערנעהמען פון זיין פערשטאנד און ווילען, נור פון דער באשטימונג פון יענער גרויסער נשמה פונ׳ם ויפח באפיו נשמת חיים, וואס האט געמאכט דעם פרט אלס א זאמען צו מאכען שפראצען פון איהם די מענשהייט. (דערפאר האט דער בורא ב״ה געזאגט צו משה — אם אין אתה גואל אין אחר גואלם. והדברים עתיקים, ואכהמ״ל).

האט צוגעטראָטען בעהאַנדלען דעם מאָראַלישען וועלט-חולה, דעם מענשען מיט אַ פּראַקטישען דרך. — זי האָט אַבגעדעקט די וואָרצלען פון זינד, די מחשבה רעה (און יחשב על משכבו וגו׳) און זוכט איהם דאָרט אונטער־צו שניידען. בעפאָר די תורה הקדושה איז צוגעטראָטען צו דער פּראַקטיק — לא תרצח, לא תגנב א. ז. וו. האָט זי פאָראויס געשיקט טעאָרעטישע יסודות פאַר רייניגען, און צופערטיגען דעם מענשענס מחשבה פאַר אַ מאָ־ראַלישען לעבען.

„אנכי" — זיי וויסען זוהנינקע אַז עס איז פאַראַן אַן עין רואה, וואָס קוקט דיך דורך ווי דורך אַ קלאָהרען קריסטאַל (כי כל לבבות דורש ד׳, וכל יצר מחשבות מבין) אשר הוצאתיך מארץ מצרים — ער שלאָגט מיט כפל שמונה׳דיגע מכות (מנין שכל מכה ומכה שהביא הקב״ה על המצרים במצרים היתה של חמש מכות) די פערשקלאַפער און אויסבייטער, עס מעגען זיין פעלקער און קעניגע א. ז. וו. (ומעניש לעוברי מצותיו).

לא יהיה לך וגו׳ לא תעשה לך פסל וגו׳.

אל ישיאך לבך — זאָל דיר די זוהמא פון נחש הקדמוני, וואָס בלאָנ־קעט זיך ביי דיר אין דער מחשבה, ניט איינריידען — והייתם כאלקים, אַז דו קענסט זיך בעשאַפען אַ וועלט (אַנשויאונג) מיט אַ גאָט אַן דער שפּיצע לויט דיין פערשטאַנד און ווילען — לא תאבה ולא תשמע אליו. דאָס וויל דיין תאוה דיך פערשלעפּען אין אַ פאַלשע וועלט, אין אַ דונקעלן ווינקעל, וואו מכלומר׳שט, דיין באַשעפער זעהט דיך ניט, און דאָרט וועט זי דיך טוידטען און פערצוקען (מיתת נשמה וגוף קים).

לא תשא וגו׳.

טראָגסטו דעם נאָמען איד, מושבע ועומד מהר סיני — דער געשוואָ־רענער זעלנער פון ד׳ צבאות, זאָל עס ניט זיין אומזיסט, מאַך ניט דיין שבועה פלסתר.

זכר את יום השבת וגו׳.

פן יסיתך אחיך וגו׳ זאָלסט זיך ניט צוהערען צו דער עצת רשעים אַז טוידטע קראַפטע האָבען צופעליג אַרויסגעוואָרפען אַ הפקר-וועלט, לית דין ולית דיין חלילה, ניין! די וועלט איז בעשאַפען פון אַ רוצה און אַ יכול, וואָס וויל ניט אַז מען זאָל מטמא זיין זיין וועלט וואָס ער האָט געהייליגט מיט זיין רוהע — קדושה און רוה"ק (באה שבת באה מנוחה — כמו ומנוחה לא מצאתי (ירמי׳ מ"ה ג׳).

כבד את אביך וגו׳ למען יאריכון ימיך וגו׳.

קוק ניט און שטאָלציר ניט אויף דאָס בארעס, צייטליכעס, וואָס דער חוש פערמאָגט, נור אויף דאָס מעגליכע, וואָס אין מענש, אָלס זאָמען, איז בעהאַלטען און מאַכט איהם פאַר אַן אַלל־מענש, וואָס ציהט צוזאַמען מיט דער צייטליכער בריאה צום אויבער־שטאַנד פונ׳ם מלאך. למען יאריכון ימיך — דיין מחשבה — (בעוואוסטזיין) זאָל ניט זיין פערזונקען אין חוש וואָס זעהט דיין פאָטער אין וועכסעל אָבגעריסען, פאַרלאָרען פון עק־זיסטענץ נור אין גייסט, אין דער נשמה פונ׳ם גרויסען אדם, וואָס זעהט די קיים פון די דורות ציהט ניט אָבעגריסען (און דער שאָטען פון פיזי־שען עקזיסטענץ גליטשט זיך אויף איהר) פונ׳ם מקור פון לעבען צום בטחון אין טוב ד׳ לכל וגו׳.

כבד את אביך וגו׳ זעה זיך אַליין אַלס די יונגע צווייגעלע, וואָס דער נייער זומער פון לעבען האָט צוגעבראַכט צום גרויסען שטאַם, און ציה יניקה פון דיין פאָטער וואָס האָט דיך געטראָגען אין זיין מעגליכקייט. למען יאריכון ימיך — דאַן ביזטו ניט דער בלאַט, וואָס לעבט מיט׳ן אטהעם־צוג פון דעם בוים, נור אַ צווייג, וואָס איז פעראַנטוואָרטליך פאַר זיין אייביגקייט.

אַזוי האָט געטהאַן דער רבש״ע — ער האָט אויפגעהאַנגען זיינע שני המאורות אין מענשענס מחשבה — חסד און אמונה (להגיד בבקר (אין גליק) חסדך ואמונתך בלילות (אין אונגליק, חלילה). און די חיות רעות בע־האַלטען אין מענשענס נערוועז פון די פערצייטיגע ווילדע דורות — יצר סוכן בנו, אינ׳ם לופט פון יראת שמים — נכנע, געפאַלען אין מוטה, בייגען זייערע נעזער פאַר די שלעסער פונ׳ם גרויסען טהיר־צאַמער. — „לא תרצח״, „לא תגנב״ וגו׳.

די מאָדערנע וואָרט־פיהרער *) זיינען אַוועק אויף אַ פערקעהרטער וועג, ווי די טבע איז מחייב, אָנשטאַט „אנכי״ — כפירה (אַטעאיזם) ר״ל—

*) די חוקרים זיינען די יעניגע וואָס דער נביא שרייט — „לא שלחתים והמה רצו״ זייער מחשבה זוכט אויסצוגעפינען. די אויג האָט קיינמאָהל ניט געזוכט בעוואוסטזיניג צו זעהן, די אויער צו הערן א. ז. וו. זיי זיינען צו דעם געשיקט און געצוואונגען פון דער כלל־נאַטור פונ׳ם קערפּער. די געזעלשאַפט קען זיך אויך נור צוהערן צו די פאָראויס בעשטימטע פון

עשו עין של מטה כאלו אינה רואה. אנשטאט לא יהיה לך און לא תעשה לך וגו׳ ותמלא ארצו אלילים — פילאָזאָפישע סיסטעמען, און וועלט אַנ־שויאונגען. אנשטאט זכר את יום השבת — די שיטה פון קאַנט און לאַפּלאַס. אנשטאט כבד את אביך וגו׳ די שיטה פון דאַרווין. דאָס אַלעס שטימט מיט׳ן חוש און מיט די פיזישע, אינדיווידועלע פערלאַנגען, וואָס דער חוש פערטרעט, אָבער ניט מיט די אנשויאונגען פון נבואה, און ניט מיט די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט, וועמען נבואה פערטרעט. וואו די ערשטע דברות די טעאָריע פון מאָראַל איז געבראָכען, קען די פּראַקטיק פון מאָראַל קיין קיום ניט האָבען. און צום בעדויערן זעהן מיר אין דער נייער, געבויט אויף פרייע יסודות, געזעלשאַפט איז דער מאָראַל געבראָ־כען אויף אַ ברוטאַלען אופן. און ביי וועמען? ביי די גרויסע. (כל פרצה שאינה מן הגדולים אינה פרצה).

אום ניט מאריך צו זיין, וועלען מיר אַרויסכאַפּען איין פּרט פון׳ם כלל הפכים, דוכט זיך אַן אונשולדיגע עבירה׳לע (שאדם דש בעקביו) אָנקענען דעם פעראָרדענונג פון נבואה, און דער פּועל יוצא, דער רעזולטאַט איז אַ ביטערער.

די חז״ל פערדאַמען דעם יעניגען וואָס לערינט תורה שלא לשמה (פאַר אויסערליכע צוועקען) — נח לו אלו נהפכה שליתו על פניו ולא יצא לאויר העולם. ניט צוליעב כבוד — אל תעשה עטרה להתגדל בה. ניט צוליעב פרנסה — ולא קרדם לחפר בה. בכן אַרבייט דער מח פון׳ם ת״ח ניט פאַר׳ן געווינס פון קערפּער, וועמען ער פערוואַלטעט (פת במלח תאכל וכו׳). דער מח איז דאָך אָבער אַן אבר, אַ חלק, און מוז זיין אנגעהעריג אַן גאַנצען לעבעדיגען וועזען, וועמען ער זאָל באַדינען און געניסען פון איהם דעם לעבען, און דעם זכות אויפ׳ן לעבען? — זיין אַרבייט איז פאַר דער געזעלשאַפט, און זיין חיונה — לעבענס געפיהל זויגט ער אויך

דער געטליכער (איבערן אינדיווידועלען בעוואוסטזיין) נאַטור, וואָס הערשט אין דער געזעלשאַפט, די יעניגע ווערען בעריהרט פון דער אויבער־השגה. די אינטערעסען פון פּרט געגנערן די אינטערעסען פון כלל, בכן מוזען די שלוחים פון דיזע פערלאַנגען די פּרט־חושים און כלל־חושים — נבואה אויך זיין געגנעריש. היוצא מזה — זוכען אין דער נאַטור, בעגרייפבאַר פאַר׳ן חוש, די אויבער הנהגה, אָדער כלל־השגה (נבואה) איז אונלאָגיש.

פון יענעם מקור. פת במלח תאכל וכו' פון דעסט וועגען — אשריך! פיהלסטו זיך גליקליך. יפה שעה אחת (הייסט עס אין צייטליכען צושטאנד, וואו עס זיינען פאראן שעות — צייט שטיקער) של קורת רוח בעוה"ב (צדיקים מטעימים להם בעוה"ז מעין חלקם לעוה"ב) מכל חיי עוה"ז. דער גליקס־געפיהל איז לויט די שטארקייט פונ'ם לעבענס שטראם אין גזעזעל־שאפטליכען ארגאניזם. און די געזעלשאפט צאהלט ניט אומזיסט — למען תחכם באחריתך — דער קינד לערנט און די עלטער געפינט די אוצרות. מאמר חז"ל, היום לעשותם ומחר לקבל שכרם. עוה"ב אין בו לא אכילה וכו' די תורה איז אלזא טעארעטיש געזעלשאפטליך און איהר פראקטיק איז אויך געזעלשאפטליך. בקום ועשה — תכלית תורה תשובה ומעשים טובים. און אויך בלא תעשה — עס פערשטעהט זיך אז רבינו הקדוש מיט זיינע נאכפאלגער (תלמידים), וועלכע אין זייער קדושה לא נהנו מן העולם אפילו באצבע קטנה, וועלען ניט טהון קיין עולות — צוליעב וואס?

בכן די וואס האבען אנגעהויבען מיט'ן אמת פון דער תורה ד. ה. זיי האבען געשטערעבט צו דער השגה פון כלל — שלוחו של אדם כמותו, איז זייער בעוואוסטזיין א כלל־בעוואוסטזיין. דער אייביגער „איך" פונ'ם כלל און זיין רצון, זיינע מעשים זיינען אלגעמיינע ד. ה. מאראליש.

די מחקרים האבען געזוכט דעם אמת דורך די חושים. דיזע לעצטע זיינען די אבגעארדנעטע פונ'ם צייטליכען קערפער מיט זיינע פערלאנגען. בכן די וואס לאזען זיך פיהרען פון די חושים קענען ניט ארויסגעהן אויסער יענער ספערע, וואס בעדינט דעם צייטליכען עקזיסטענץ. זיי קענען אויך קיין גוטעס זעהן אין די בעגרענצונגען און אבווענדונגען פון טובת הפרט, וואס די געזעלשאפט שאפט פאר'ן פרט אין איהר אייגענעם בענעפיט. דער פאר קומט ביי זיי אוים לערנען תורה אהן קיינע פארציגע פאר'ן קערפער, אלס בטלנות און אבוד־ממון.

אין דער ערשטער צייט, ווען דער ריח נבואה האט זיך נאך ניט אין גאנצען אויסגעוועבט פונ'ם מענשענס שכל, איז געווען די חכמה אלקית (טעאלאגי—מעטאפיזיק) די גברת החכמות, די פאהנען טרעגעריןפון דער גאנצער חברותא. די חכמות השמושיות — מאטעמאטיק, פיזיק א. ז. וו. האבען זי בעדינט מיט רעספעקט*) אבער זרק חוטרא אאוירא

*) און עוה"ב — דער פונק אייביגקייט האט געלייעט אין מענשענס נפש אלס אידעאל און איז געגאנגען בראש אלע פערלאנגען.

אעקרא קאי. פון חוש איז די חקירה ארוים און צום חוש האט זי זיך, נאך אלע גלגולים, צוריק געקעהרט. די מעטאפיזיק האט אויסגעהויכט איהר נשמה אין סענסואליזם און פאזיטיווע וויסענשאפטען, וועמענס איינציגער צוועק איז צו פערשטעהן די חושים־נאטור און ארויסדרינגען פון איהר וואס מעהר צייטליכע, קערפערליכע פארציגע.

דער שכל, דער אבשטאמלינג פון דער געזעלשאפט, וואס געדענקט נאך אביסעל פון זיין ארץ מולדת — די אייביגע נאטור פון דער געזעלשאפט און איהר מלאכים (אבסטראקטען) מהות. ווען דיזער שכל קוקט זיך צו צו זיין נייע ראלע, וואס די נייע, פרייע האבען איהם געשטעלט שפיעלען אין דער וועלט—פיהלט ער זיך ניט געהויבען. ווען ער געהט ארוים צו דער ארבייט, מוז ער זיך צוהערן צום אויסוואהל פון די נידעריגע אברים. וואס פאר אן ארבייט דער בויך מיט זיינע משרתים — די חושים מיט די אויסערליכע אברים קלייבען אוים פאר איהם מוז ער מיט פינקטליכקייט אויספאלגען. זאל ער פאר זיין אייגענעם פערגעניגען אמאהל א שוועב טהון אין די עולמות העליונים— איז ער א פאנטאסט, א מיסטיק, א בטלן *).

מאמר חז"ל. — אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה.

פריי איז יענער, וואס געניסט אליין דעם שכר פון זיינע מעשים. א שקלאף איז יענער וואס ארבייט און פרעמדע געניסען. די חז"ל וואס זיינען געשטאנען אין שכל, האבען געזאגט אז בלויז יענער וואס לערנט די תורה לשמה — הלכה למעשה — ער לערנט תורה און פאלגט אוים איהרע פארשריפטע, יענער איז פריי ד. ה. יענער שכל איז פריי פון די אנגריפע פון די קערפערליכע תאות, און זיין גאנצע ארבייט איז פאר זיין אייביגע נאטור (חרות ממ"ה). דער מאדערנער שכל שרייט אויך —

---

*) פאטער! געהסטו מאכען דיין קינד פאר א רב? — „חלילה! איך וועל מאכען מיין קינד פאר אן אייביגען קבצן?" דער אמאליגער, פרומער רב איז דאך אבער געווען צופריעדען מיט זיין ארימקייט. והראיה דער וואס האט אפילו געהאט די מעגליכקייט הנאה צו האבען פון דער וועלט — רבי דער גרויסער גביר, האט געשווארען — ולא נהניתי מן העולם אף באצבע קטנה? — „מאלע וואס אמאהל איז געווען. דער מאדערנער מענש ווייס מעהר ניט ווי מאגען־פרייד".

פרייהייט! ווערען האט ער אבער בעפרייט? — די תאוה! אין איהר טובה האט דער בעשטאכענער (כי השחד יעור) שכל געווארפען די תורה, און אליין האט ער זיך איינגעפלאנטערט און פערשטריקט צום דערווארגען ווערן אין א גאנצע נעץ פון נוטצלאזע, קערפערליכע בעדירפניסע און ווערט פערלארען אין אונרוה און דאגה. דער מאדערנער שכל איז געפאלען אלס שקלאף פאר די נידעריגע בהמה־געפיהלען — ער ארבייט און זיי געניסען. די געזעלשאפט, די געבורטס־לאנד פון שכל, קוקט אויף אזא בענעהמונג פון איהר גאונ'איש קינד מיט ווידערווילען, ווען דער מענש זוכט בלויז זיין פיזישע, צייטליכע הנאה, און ווייס ניט, אדער ער וויל ניט וויסען, אויסער איהר גאר נישט — איז זיין ארבייט, מעג זיין ווי וויכטיג, שעדליך פאר דער געזעלשאפט — אונמאראליש.

פרעג דעם חכם־שמושי, דעם פראקטישען געלעהרטען — דעם ערפינ־דער: „ווי אזוי געהסטו ערפינדען טעאטערן, אטאמאבילס, פאנאגראפס א. ז. וו. לוקסוס זאכען, איבערפליסיגע בעקוועמליכקייטען און נוטצלאזע הנאות אין דער צייט וואס פיעלע מענשען ליידען נויט, ארימקייט און דחקות? דו ביזט דאך דער חכם פון דער קהילה, דער וועלט־טאטע, און פערדאמט איז יענער פאטער, וואס קליידעט א טהייל פון דער פאמיליע אין זיידענס און באדעט זיי אין וואוילטאג, און לאזט דעם צווייטען טהייל געהן קרועה בלואה אין צרות און נויט. און ניט בלויז די ארימע לייט, די גאנצע געזעלשאפט אין כלל גענומען, ליידעט גרויסענע צרות א דאנק דעם ערפינדער. דיזער לעצטער האט פערמעהרט די הצטרכות'ן פון מענשען ביז זיי שטייגען ווייט אריבער זייער כח. דער קאמפף אום'ם דא זיין אין דער מאדערנער ערפינדערישער געזעלשאפט איז געפאלען שווער און בי־טער אויפ'ן כח און נאך מעהר אויפ'ן יושר.

וואלט דער חכם דען ניט געבראכט מעהר גליק דעם כלל און דעם פרט, ווען אנשטאט כאוועז און פיעסטען דעם עבד, דעם שטיק־חמר, וואס עפר הוא בחייו ק"ו במיתתו, אנשטאט אויסברייטען די אונערזעטליכע תהומות פונ'ם גוף — די חושים (לעלוקה (גיהנם) שתי בנות — הב, הב. שאול ואבדון לא תשבענה ועיני אדם לא תשבענה) אנשטאט די איבער־פליסיגע פיזיק, וואלט דער חכם געקומען צום רייכען מיט א ביסעלע מוסר־זאגעריי — „דו האסט אן איבעריגען טאלער, גיב עס וואו עס פעהלט“,

און אז מען נעהמט אראפ דעם תל, דעם בערגעל וואו עס איז צופיעל חמר און מען ווארפט עס אריין אין חריץ, וואו עס פעהלט חמר, ווערט די שדה ברך ד׳, די גאנס געבענשטע פעלד — די געזעלשאפט א גלייכער באדען פאר׳ן צמח צדיק — יושר *).

דער פערצייטיגער אבא־אומנא האט געלערנט דאקטאריע נאך דער אלטער שיטה — צוליעב חכמה און מעשים טובים. די נייע דאקטוירים לערנען דאקטאריע לויט דעם נייעם שניט — צו לעבען א גוטען טאג. אבא אומנא האט צוגעשלאגען זיין פושקעלע פאר פרנסה פון דרויסען — ווער עס וויל און קען זאל עפעס אריינווארפען. — ער האט ניט געהאנ־דעלט מיט׳ן מענשענס לעבען. זיין שכר — ער האט געלעבט אן ארים לעבען, דערפאר אבער האט מען איהם אלע טאג צוגעשיקט א „גוט מארגען" פון הימעל. ביים נייעם דאקטאר מוז מען קויפען לעבען פאר א טהייערן פרייז, וואס דער ארימאן פערמאגט ניט. זיין שכר איז אטאמאבילס מיט פאלאצען, אבער קיין גוט מארגען פון הימעל שיקט מען איהם ניט.

די צושפאלטונג פון מענשען אויף רייך און ארים הייבט זיך ניט אן מיט קאפיטאל און מיט׳ן מענשענס אויסוואהל, אדער בעוואוסטזיניגע מיט־ווירקונג. א מענש ווערט געבוירען רייך — פעהיג, געראטען, פלייסיג, ענערגיש אדער פערקעהרט, ניט געראטען — א שלימזל.

די חז"ל זאגען: כל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו. ד. ה. די חברה לצים אין עולם קטן — מענש — (תאות) דערשמעקען א גרעסערן כח, מעהר מעגליכקייט, פאדערן זיי א גרעסערן חלק. וואס פאר א מיטעל פאר׳ן יושר? בראתי יוצה"ר בראתי לו תורה תבלין. וועלען מיר איבערדרעהן די גרסא —

---

*) „זיינען ערפינדונגען שלעכט?" — איז א בייטעל געלד שלעכט? — און די חז"ל דערצעהלען א געשיכטע. א פאטער האט אויפגעהאנגען דעם קינד א בייטעל געלד אויף׳ן האלז און האט איהם אוועק געזעצט ביים טיהר פון א בית־זונות. און דער פועל יוצא איז געווען א מיאוס׳ער — יצא לתרבות רעה. כל זמן די זונה — אפיקורסות (פרייגייסט) מיט איהר בנופיא תאות באלעבאטעווען אין מענשענס הארץ איז איבערפליסיגער כח — ערפינדונגען — שעדליך.

כל שיצרו גדול מחברו האדם גדול ממנו. די קינדער, די ליעבענקע שעפ־סעלאך פון דער קהילה — פיטער זיי, על מי מנוחות, אויף די געבענשטע וואסער פון דער תורה. יענער קינד איז פעהיגער? — וועט ער זופען מעהר תורה, מעהר מוסר, וועט ער זיין מעהר הימעל־מענש, און וועט ניט זוכען צו מסיג גבול זיין דעם אונפעהיגען, שוואכען. — ת"ח מרבין שלום בעולם. מיר ווייסען ביי אידען, וואס מעהר גאון מעהר ארימאן.

יש חכמה בעמים תאמין — זיינען זיך די פעלקער מוסר נפש פאר זייער חכמה ווי אידען פאר זייער תורה? — דער אידישער פאטער האט געזאגט: „מניח אני כל אמנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה". — א פעטער עוה"ז איז גאר ניט אזוי וויכטיג. ווען יע — איז ער ניט אין מענשענס האנד — הכל בידי שמים. וואס עס איז וויכטיג און אין מיין האנד איז תורה ומוסר — א אידעאלער, מאראלישער לעבען. און אלס אזעלכען וויל איך זעהן מיין קינד.

דער גוי (פריידענקער) גרייט זיין קינד פון דער פריהסטער יוגענד, ניט צום שלום (געזעלשאפטליכקייט) פון לעבען, נור צום קאמפף (אינדי־ווידואליזם) פון לעבען. ער זוכט ארויס צו ברענגען די פעהיגקייטען פון זיין קינד צו בערייכערען און בעקוועמליך מאכען זיין צייטליכען לעבען. דאס שטאמט פון יענעם שטאנדפונקט, וואס פערלייקענט די געזעלשאפט־ליכקייט (אייביגקייט) פונ'ם שכל, און ערקענט דעם שכל אלס דעם גע־וועהר פון פרט. דערפאר איז זייער ערציהונג מעהר מלאכה אלס חכמה ומוסר. דער מעהר פעהיגער געהט ארויס פון אזא ערציהונג מיט א שאר־פערן געוועהר פאר'ן קאמפף פון לעבען, און יצרו גדול ממנו ער נוטצט אוים דעם שוואכען פאר זיינע עגאאיסטישע צוועקען.

דער מקור פאר די אלע איבלען איז דער אונצוטרוי און קליגלען זיך (העדר אמונה והתחכמות) אנקעגען דעם בורא ב"ה און דער פועל יוצא — תורה שלא לשמה.

אמונה הייסט צוטרוי צום באשעפער, אז זיינע מעשים קענען ניט זיין פעהלערהאפט (חזקה על חבר שכמותו שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן). אז ער וועט ניט באשאפען א בלינדע בריאה און שטעלען זי אין א פלאטץ וואו עס פאדערט זיך א שארפע ראיה.

ווען ביי א מענשען ערוועקען זיך קשיות אויף דער וועלט־הנהגה (אז אנפראגע פאר דער תורה) דארף ער זיין זיכער אז מסתמא זיינען שוין אנגעגרייט תרוצים פאר די קשיות. עס האט ניט א קלאפ געטהון א נערוו פאר הונגער, בעפאר עס איז געגרייט געווארען א זאטער טיש. אלא וואו זיינען די תרוצים? אמאהל האט בלויז דער ערד ארבייטער געהאט ברויט, היינט צו טאג זעהן פיעלע מיליאנען מענשען ניט אין זייער לעבען דעם אקער־אייזען און עסען ברויט בהרחבה. (כמה יגיעות יגע אדם הראשון וכו' ואני קם ומוצא הכל מזומן לפני). די געזעלשאפט האט זיך ענטוויקעלט אלס דיפפערענצירטער ארגאניזם. דער מו"ל עסט פאר אלע אברים און די אויג זעהט פאר אלע אברים. — ויאמינו בד' ובמשה עבדו.

די וואס געהן ניט אויף דיזער וועג — גלויבען ניט דיעניגע וואס די געטליכע נאטור פונ'ם כלל־ארגאניזם האט אויסגעטהיילט פאר השגה — זיינען זיי ניט געזעלשאפטליך, און ווען זיי נעהמען קלעהרען וועגען געט־ליכקייט, פרעגען קשיות און חקירה'ן זיך ד. ה. לערנען תורה איז עס ניט מיט דער קינדער־הכנעה פון א ניט רייפען קינד, אדער פון דעם עני ואביון, וואס דארף אנקומען צו יענעם (דער שטאנדפונקט פון אן אבר אינ'ם ניט צייטיגען געזעלשאפטס־ארגאניזם) נור מיט'ן שטאלץ פון זעלבסט־שטענ־דיגקייט (דער שטאנדפונקט פון צייטיגען פרט) — דאס איז שוין שלא לשמה — דא לערנט דער פרט און זוכט זיינע אמביציעס — עטרה להתגדל בה (וחסר לאמים חטאת, שאינם עושים אלא להתייהר) עפעס א זייטיגע הנאה, וואס האט ניט צו טהון מיט תורה — געזעלשאפטליכקייט, פעהלט עס פון די מ"ח דברים שהתורה נקנית — בענוה, ביראה, בשמוש חכמים — קען מען קיין תורה ניט קריגען. און דער סוף איז אז קבא רבא און קבא זוטא קייקלען זיך אם ענדע אויף אין עבודת החוש — אונמאראל.

ראו מה ביז בני לבן חמי — אנן דסגינן בהימנותא וכו' — דער איד וואס קוקט אין דער וועלט מיט א הימליש (געזעלשאפטליך—העכער פון פרט) אויג, האט ארויסגעבראכט אויף דער וועלט גייסט־רייכע מענשען — געלעהרטע און פאעטען, בעלי הלכה און בעלי הגדה. חכמים, שכל־מענשען מיט צוטרוי צום באשעפער, וועמענס השגה (יראת שמים = בנה"ק) עס שטארקט זיך מיט'ן בעשרענקען דעם פרט — זיין השגה (ואני בהמות הייתי עמך) און זיינע פערלאנגען (תאות) אינ'ם בענעפיט פון כלל

(כלל־השגה — תורה און כלל־גוף — צדקה און מעשים טובים), דיזע חכמים, בעוואפענט מיט די מ"ח דברים — בקבלת היסורין, לכתך אחרי במדבר וגו', ביים בארג חורב (פת במלח תאכל וכו') האבען בעגריפען די היילינקיים פון די ערשטע דברות, און מיט עהרפורכט געהיט די לעצטע דברות אין גרונד אריין, מיט אלע פיטשעווקעס. לא תרצח — המלבין פני חברו כאלו שופך דמים. לא תגנב — אל יאמר סוך שמן מפך ריקן. לא תחמד — המסתכל באצבע קטנה של אשה וכו', למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו — חטא שוגג. ווער רעדט עון ופשע — זאלען זיי ניט געדאכט ווערען!

די פאעטען־דרשנים האבען פאר'ן ליכט פון רוה"ק אויפגעזוכט די גייסטיגע מעגליכקייטען, וואס זיינען צוזעעט און צושפרייט אין דער גרויסער פאלקס־נשמה, געוועקט און גענעהרט די זריעה פון יושר און מענשליכקייט, וואס דער צוזאמען־לעבען פון מענשען געבוירט אין פאלק.

דער המון מיט'ן ערד בארען זיינען ביידע תהו ובהו, אדער חמר־היולי א פארמלאזער שטאף — בפועל גאר נישט, אבער בכח (פאטענץ) א מקור פאר פולע וועלטען. די חז"ל האבען ניט אבגעשיקט דעם איינפאכען המון פאר ארבייט און אמוזירונג — ליגרם אינש אע"ג דלא ידע מאי קאמר. דער תהלים, דער טייטש־חומש מיט די תחנות האבען עם אריין געפליסט אינ'ם אידישען המון יענעם קלימאט וואס האט ארויסגעבראכט — ארזי הלבנון, אדירי התורה וגו' די יעניגע, ווי ליכטיגע שטערן האבען בעלויכטען אונזער לאנגע גלות־נאכט, געלייטעט אונזער עלענדע שיפעלע אויפ'ן שטורמישען קראקאדילען־ים.

אתון דסגיתון בעלילותא וכו'. — די חוקרים טרויען ניט דעם באשעפער, אז ער לאזט וויסען וואס מען דארף וויסען. אבגעריסען פון דער אמונה, אין די נביאים — בחירי המין האנושי — די אבגעארדנעטע פון דער געזעלשאפט כלל־אויגען. אנגערעדט פון דער תאוה צו אונרייפע זעלבסט־שטענדיגקייט — והייתם כאלקים, מיינען זיי אבצודעקען מיט'ן כח פון זייער לאגיק — מה שכסה עתיק יומין. און אליין וויסען מה טוב, וואס עס איז גוט פאר'ן מענשען *).

---

*) כל זמן דער כלל־מענש (האדם) איז ניט צייטיג, דארף ער ציהען זיין יניקה פון מדת הרחמים (גדול וסמוך על שלחן אביו זהו קטן). דער

די חוקרים האבען זיך צוגעהערט צום אונווירדיגען געשפרעך פון דער תאוה, און זייער פער׳חושים׳טער שכל, פערשוועכט פון זיין היילינקייט, איז פערשטויסען געווארען פון דער מחיצה פון השי״ת (די געזעלשאפטליכע ספערע — אייביגקייט, אבסטראקט) און פערבלאנזשעט אין די וויסטענייען פון די פיזישע טוידטע כחות (די ספערע פון צייטליכען פרט־לעבען), האָבען זיי אומזיסט געזוכט דעם אלקים חיים — מה לכהן בבית הקברות? און דער שכל קומט מיט ליידיגע הענד צו זיינע שיקער — „איך האב איבער געגנישטערט אלע ווינקעלאך פון גייסט (מעטאפיזיק) און האב גאר נישט געפונען. האב איך איבערגעטאפּט דעם גאנצען מיסט־הויפען (הקב״ה בנה ארמונו על גבי האשפה) אלע פערוואלגערטעביינער, אלע פערשימעלטע בלעטער (געאלאגיע, ארכעאלאגיע, אנטראפּאלאגיע א. ז. וו.) און האב אויך ניט געפונען, בכן, אך שקר נחלו אבותיכם. און דעם נבל׳ם בעהאלטענעם וואונש (אמר נבל בלבו (במחשבתו)אין אלהים) דעם פסול וואס דער נבל האט אריינגעבראכט בחשאי שטילערהייט אין׳ם מענשענס מחשבה, האבען זיי ארויסגעבראכט בקולי קולות — טרומייטען און יובעל־געשריי— כפירה, אטעאיזם. פאר וועמענס טובה? ווער עס געניסט פונ׳ם אויפטהו פונ׳ם שליח, יענער איז דער משלח — דער שיקער. א דאנק דעם פריי־גייסט, וואס די חוקרים האבען אריינגעבראכט אין דער מאדערנער געזעל־שאפט האט זיך די תאוה צולעבט אויפ׳ן חשבון פון מאראל. בכן זיינען די חוקרים די טרייע שלוחים פון דער תאוה, און וואס זי האט ניט גע־

מענש איז זיין גאוה מיינט צו פערכאפּען זיין זעלבסט־שטענדיגקייט פאר דער צייט, און דאס איז עצת רשע — די אינדיווידועלע תאוה וויל זיך בענוצען מיט׳ן גוואלדיגען כלל־כח, וואס דער מענש בעזיצט אויך אין זיין אונרייפהייט. דאס איז די צייטיגע, קליינע חיה־פרט ((ווי דער מענש איז ענטוויקעלט געווארען ביז׳ן ויפח באפיו נשמת חיים — די מעגליכקייט פאר א כלל־ארגאניזם) מיט א שטארקען, צייטיגען בעוואוסטזיין וויל אויפ־פרעסען די אונרייפע געזעלשאפט מיט א שוואכען בעוואוסטזיין. ווארום רופט מען עס יצה״ר, נחוש ערום, און די בעדייטונג פונ׳ם מדרש חז״ל אויף די סמיכות הפרשה פון ויהיו שניהם ערומים צו דער פרשה והנחש היה ערום, איז ערקלעהרט בע״ה איז מיין ספר „מעשה בראשית״ (ואכהמ״ל).

וואלט, האבען זיי ניט אויסגעפונען. די תאוה (דער צייטליכער גענוס) פון פרט געגנערט די גזעלשאפט און די חקירה געגנערט די געזעלשאפטס השגה (נבואה) און איהר פערפליכטונג — מאראל.

און וואס די חקירה האט געטהון מיט די ערשטע פינף דברות, האט געטהון די פאעזי מיט די לעצטע דברות. די חוקרים מיט די פאעטען, קינדער פונ'ם געזעלשאפטליכען כח, ארבייטענדיג מיט'ן שכל און געפיהל פאר'ן צייטליכען חוש, האבען זיי א שאדען געטהון די געזעלשאפט — זי בערויבט פון איהר אייגענטהום, און קיין טובה ניט געטהון דעם צייטליכען לעבען. די חכמה בזווג די תאוה האט געבוירען דעם אויסוואורף — נבל (כפירה, אטעאיזם). דער זווג פון פאעזי מיט הנאה האט געבוירען דעם שמוציגען רעאליזם, וואס באדעט דעם נפש אין'ם עקעל פון דער גרויסער שטאדט (שיש בה גזל ועריות) און פיהלט איהם אן מיט בייזע רעגונגען.

כפירה איז די ירידה און באנקראט פון חקירה, אבער ניט אלס צופאל, נור אלס לאגישער שלוס פון'ם ערשטען פאלשען שריט. צום נידערזינקען האט געמוזט ברענגען די חקירה — דער חוש, וועמען זי האט אנגענומען, אלס בר סמכא (אויטאריטעט) אין זאכען וואס ער געגנערט. זיין טמא־וועלט פאר'ן הר־האלקים. און דעם פרט־בעוואוסטזיין וואס פיהלט זיך זעלבסט־שטענדיג (ווי יעדער צייטיגע בריאה) אלס כהן גדול *).

---

*) יעדער וועזען פיהלט זיך מוטהיג און גענוג גאוה'דיג געגען דער וועלט, וואס ער בעגרייפט. אזא געפיהל מוז דער לעבעדיגער וועזען בע־זיצען אום צו זיין דרייסט ביי זיין תביעה פאר עקזיסטענץ. דעם רעכט עס צו בעזיצען גיט איהם דער פאקט, וואס דער „איך" (בעוואוסטזיין) האט אין זיין בעזיץ דעם אינערליכען צוטרוי פון קערפער צוזאמען מיט די אויסערליכע איינדריקע, וואס איז אויך א צופלוס פון כח. דאס אלעס ווען דער וועזען איז רייף. ווען אבער אונרייף מוז ער זויגען פון מדת הרחמים, דורך צוטרוי צום באשעפער מיט זיין בעשאף. ווען די גראז וואלט געוועזן א פיהלבארעס וועזען האט זי אויך געמוזט בעזיצען דיזען צוטרוי ביי איהר ארויסשפראצען און הילפלאז ארויסקוקען פאר זונן און רעגען. דער פרט־מענש גיהערט צו די רייפע, דערפאר פיהלט ער זיך אלס בעל הבית

דער זעלבער פאַל איז מיט דער פער׳חושים׳טער פּאָעזי. דיזע לעצטע זוכט צו פערשאַפען עסטהעטישען גענוס (הנאה) און דאס איז שוין אַ האָר פאַר דעם יצה״ר און עה, ווי זיין שטייגער איז, שלעפט אריין די גאַנצע קאָפּ (היום אומר לו עשה כך וכו׳ ולמחר אומר לו לך עבד עבודה זרה).

דער הוקר מיט׳ן פּאָעט בעזיצען גייסטיגען כח (דער חוקר אינ׳ם פאָרם פון לאָגיק, דער פּאָעט אינ׳ם פאָרם פון געפיהל) פיהל מעהר אלס דער געוועהנליכער, דורכשניטליכער מענש. דער מקור פאַר דיזען כח איז די געזעלשאַפט. דיזע לעצטע קאָנצענטרירט און צענטראַליזירט איהר כח אין פערשיעדענע לעבענס־פונקטען און אין פערשיעדענע פאָרמען לויט דעם געזעץ פון אַרבייטס פערטהיילונג און נאָך׳ן טיפּ פון פּרט־אָרגאַניזם. — פערשיעדענע אברים מיט פערשיעדענע פעהיגקייטען. די געזעלשאַפט איז לע״ע אונרייף און דער ריכטיגער קאָליר, וואס איהר כח דאַרף אננעהמען אינ׳ם בעוואוסטזיין פון מענשען איז די בעגייסטערונג פאַר דער גרויסער ערוואַרטונג. — היום לעשותם ומחר לקבל שכרם.

דער חקרה׳נישער שכל מיט צופיעל גאוה האט זיך געפיהלט שאקירט פון די קינדערייען פון די רעליגיעזע מנהגים (ניט פערשטעהענדיג זייער בעדייטונג *) אויס מאַנגעל אין תמימות האט ער זיך געפיהלט ניט זיכער מיט די איבערטריבענע ערוואַרטונגען און יוגענדליכע חלומות. בכן איז דיזער שכל געגאַנגען זוכען מכלומר׳שט אַ פעסטערן באָדען (לויט זיין מיינונג) און מעהר מענערשע מנהגים. דיזע גאוה ווי דיזער אונצוטרוי זיינען ניט בערעכטיגט אין אַזא גוואַלדיגען, אָבער ניט רייפען, מאַכט ווי איבער זיין וועלט (איינדריקע). די געזעלשאַפט צו די אונרייפע. דער פּאַר איז זי מתפלל (געניסט פון מדת הרחמים). דאס איז די נייע (לאָגישע) בעלייכטונג פאַר דער טענה פונ׳ם נביא — היעשה לו אדם אלקים?

*) דער כופר אינגערסאָל שפּאָט פון דער געטליכער שניידעריי (ביי די בגדי כהונה). אָבער דיזער לץ וואס פּולץ ונתלוצץ ונתרז (כל ליצנותא אסירא וכו׳) וויים אז דער שכל פון חכם און די ראיה פונ׳ם זעהער א. ז. וו. איז אָבגעהאַנגען אז דעם צוזאַמען־שטעל (סטרוקטור) פון געוויסע וואַסער־לאָד,ביינדעלאַך, פלייש קייקעלאַך (צעללען) א. ז. וו. אַזוי וויל דער בורא ב״ה און געה וויים! — השמר לך מעלות אל ההר וגו׳.

דער וואקסענדער כלל־מענש (אדם, אני אמרתי אלקים אתם) דיזעביידע טראבעל־מאכער אין מענשענס נפש זיינען עס די שלוחים פון תאוה און חוש, וואס האבען פורץ גדר געווען און זיינען אריין ניט אין זייער ספערע. זיי האבען עס אנגערעדט דעם געכאפטען שכל אויסצובייטען דעם שיר מזמור לעתיד לבא, די גרויסע פאנטאסטישע חלומות, — הבטחות פאר'ן צוקונפט, אויף בארעס — קליין געלד — גאנגבאר אין דער חושים־וועלט — בעקוועמליכקייטען און פיזישע פערגעניגענס.

אזוי זיינען עס שמחזאי ועזאל אראפ פון הימעל אויף דער ערד. דער חוקר, פון א אידעאליסט איז ער געווארען א פאזיטיוויסט און ערפינדער. — א ריעז, וואס פאנגט דעם בליטץ פון די וואלקענס און שפאנט איהם איין אין זיין רייטוואגען, פישט ארויס די נאטור־קראפטע פון זייערע באהעלטעניסען און באהערשט מיט זייער כח ים און יבשה. אבער א בעל־תאוה וואס ערצארענט גאט און ברענגט אויף זיך די ענדליכע קאטאסטראפע. ויראו בני האלקים את בנות האדם וגו' ויאמר ד' אמחה את האדם וגו'.

דער פאעט איז אויך פארפאזיטיוועט געווארען. אנשטאט זינגען זמירות, סליחות און פיוטים צום אלקי הרוחות, צום גאט פון די גייסטער דלית מחשבה תפיסא ביה כלל. דעם פערהויליגטעם גאט, וואס פאר איהם, פאר זיינע וואונדער־טהאטען (נפלאים מעשיך) שטעהט דעם מענשענס שכל אין עקסטאז און פערגאפט. אנשטאט דעם הייליגען ציטער פאר די קדשי קדשים, וואו עס זיינען בעוואהרט די שני לוחות העדות והמכתב מכתב אלקים הוא וגו' והקול יוצא מבין שני הכרובים ומגיע למשה (כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש כלם נתנו למשה מסיני). אנשטאט געהן מיט גאט איז דער פאעט אוועק מיט'ן טייוועל (איכה? — אתמול לדעתי היום לדעתו של נחש) און איז געווארען א שמש לדבר אחר, א כהן לבעל און זינגט זיין זמר לשעירים, צו די טייוואלים — תאות מיט דעם אשמדאי מלכא דשידי (ליעבע) אן דער שפיצע. פעור מיט זיין גאנצען עקעל, נור אונטער א נייעם שלייער — קונסט.

די לעצטע אויסערונגען פונ'ם חוקר און פאעט איז עס דער צוריקפאל פונ'ם כלל צום פרט, פון שכל צום חוש. די מעגליכקייט פאר אזא צוריקפאל און די הנאה וואס ליגט אין דעם איז געבויט אויף דער טבע פון כח. דער איכות (קוואליטי) שטאמט פון כמות (קוואנטיטי). דער כח אינ'ם פארם פון לאגיק און פאעזי איז דער זעלבער כח וואס ווירקט און

שאַפט אין פּרט נור, ווי געזאָגט, קאָנצענטרירט אין אַ גרויסער מאָס אין אַ געווּיסען לעבענס־פּונקט. דער הויכער וואַסער־וואַל קען פאַלען אויף צוריק. וואָס דער חוקר האָט אויפגעטהון פאַר'ן צייטליכען לעבען (זיין שכר מיט זיין עונש) מיט זיין אויסבייטען דעם כלל־כח (אייביגקייט — עוה״ב) אויף קליין געלד (עוה״ז) האָבען מיר שוין אָנגעצייגט. דער פּאָעט געהט מיט'ן זעלבען וועג. דער פּאָעט בעזיצט מעהר לעבען פון'ם געוועהנליכען מענשען, פיהלט ער די נאַטור שטאַרקער און זיינע איבערלעבונגען זיינען טיעפער און העפטיגער. דער אָרט לעבען איז אַלגעמיין און דער פּאָעט קען מיטטהיילען זיינע איבערלעבונגען צו זיינע מיט־מענשען און בערייכערן זיי מיט לעבען. דאָס איז, אין כלל גענומען, דער פערגעניגען צו לעזען אָדער זעהן פּאָעטישע שילדערונגען פון די בעוועגונגען פון לעבען אין דער אויסערליכער, ווי אויך אין דער אינערליכער (פסיכישער) נאַטור. אום צו פערפיהלפאַכען דעם איינדרוק, קלייבט אויס דער פּאָעט מעהרסטענס פאַר זיינע סוזשעטען צום שרייבען אויסערגעוועהנליכע צופאַלע — פאַר נייאינקייט און סענזאַציע.

די הנאה בכלל און דער אָרט הנאה וואָס קונסט גיט, האָט איהר נויטווענדיגער ווייזע געמוזט פיהרען צו איהר אונגעווינשטען שלום — רעאַליזם. די הנאה פון קונסט איז, ווי באַמערקט, וואָס זי לעבט אָב, בערייכערט מיט לעבענס־ענערגי די פערשלאַפענע, אָרימע נערוועז.

דער יצה״ר (די נייגונג פאַר שלעכטעס אין מענשענס נפש) נעהמט זיין מקור אין די אַלטע נערוועז, וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט אין מענשענס קערפּער אין דער לאַנגער, ווילדער, פאַר היסטאָרישער פּעריאָדע. דאָן אין דער רויער סביבה זיינען געווען די ווילדע נייגונגען — נקמה, רציחה, גנבה א. ז. וו. דער לעבענס־בעדינג און האָבען זיך געררעכענט אין דער פאַמיליע אַלס טוגענד. לאַנגע איבונג, ווי בעוואוסט, בילדען אויס אין קערפּער מעכאַנישע נערוועז, וואָס טראָגען אינסטינקטיוו יענע נייגונגען. עס פערשטעהט זיך אַז דיזע נערוועז זיינען עס די מעהר אַלטגעזעסענע, פערכאַפּען די ברייטסטע שיכטען פון פאָלק. זיי זיינען אָבער אויך די בעלײדיגסטע אין דער געזעלשאַפט. דיזע לעצטע ערלויבט ניט קיין נקמה, רציחה א. ז. וו. בכן ליגען יענע נערוועז אָהן אַ שטאָף אַרבייט. די עקאָנאָמי פון קערפּער קאַרגט בלוט (שפּייז) פאַר די אברים, וואָס עסען אומזיסטען ברויט און פער'משפט די לעדיג־געהער צום לאַנגזאַמען אָב־

שטאַרבען — אַטראָפּיע. אַלזאָ ליגען נעבאַך יענע נערוועז פאַר'משפט'ע, פאַרשמאַכט ווי אַ דורשטיגער אין דער מדבר. לאַנגע יאָהרען זיינען דיזע פערהאַרטעוועטע, מיט שטאָהלענע נערוועז בעזאַרגטע, ווילדע, דונקעלע חברה (יצה"ר — מלך זקן וכסיל) געלעגען פאַרשטעקט אין די ווינקעלאַך פון קערפּער און צוגעקוקט מיט קנאה אויף די אויפלעבונג, פון'ם צוזאַמען לעבען געבוירענע, נייע איידעלע, ציוויליזירטע נערוועז (יצ"ט — ילד מסכן וחכם). דיזע גאונישע קינדערלאַך פון דער געזעלשאַפט ווערן געבאַוועט מיט ליעבע הבטחות פון נבואה, קוויקען זיך מיט די פּאָעטישע צערע־מאַניען פון עבודת ד' און לירישע השתפכות הנפש אין די הימעל־מוזיק. לאַנגע יאהרען איז געווען דער יצה"ר געפּלאָגט פון קנאה, שאַנדע און שמאַך פון די בעלי־מוסר ביז די קונסט איז איהם געקומען צו הילף. יענע בייזע נערוועז דערפיהלען אַ צושטרוים פון בלוט און לעבען אָב, ווען דער מענש לעזט אָדער זעהט אַן אויפטרייסלענדע, סענזאַציאָנעלע, מיט אַ ווילדען אויסברוך פון ליידענשאַפט, פאַרשטעלונג (אַטעללאָ — אייפערזוכט, מאַקבעט — הערשזוכט, ראָמעאָ און דזוליעטאָ — ליעבע, שיילאָק — נקמה א. ז. וו.) און זיי דריקען אוים זייער בייפאַל דורכ'ן אַלגעמיינעם בעוואוסטזיין מיט'ן אַלגעמיינעם קערפּערליכען גענוס (הנאה).

דער פּאָעט מאַדערן כמה שנאמר, עוה"ז'ניק כמה שכתוב — ווינקט איהם און צוזיבערט איהם די פּעטע פּרוטה פון'ם המון. דער וואונש פאַר פּאָפּולאַריטעט און איינדרוק זיינען עם די מלאכים רעים וואָס האָבען גע־פיהרט קונסט צו איהר ירידה און מאָראַל צו זיין רואינע.

וואָס די געפיהלען זיינען נידעריגער און אונציכטיגער, אין מאָראַלען זינן, זיינען זיי אַלס מעהר פערשטענדליך צו די ברייטע שיכטען פון פאָלק. פון עסטהעטישען גענוס, פערשטענדליך נור צו איינצעלנע, ראַפינירטע חוש־שכורים, איז קונסט אַראָפּ זוכען בייפאַל און אַנערקענונג ביים המון און דאָ זיינען געקומען חכמים און האָבען ענטבונדען קונסט — מיט רעאַליזם.

וואָס דער הערשענדער געפיהל וויל דאָס בעווייזט דער אונטעריאָכטער שכל מיט סאָפיסטישען לאָגיק, (כי השחד יעור) — און עס זיינען ענט־שטאַנען שיטות פאַר רעאַליזם. „ריינער קונסט פערוואָרפט טענדענציאָזען שרייבען (מאָראַל איינגעשלאָסען)" רעאַליזם פאָדערט די נאַטור מיט'ן לע־בען מוטער נאַקעט ניט פערשלייערט, ניט פאַרמאַראַליזירט". פרעגט זיך

אבער די קשיא: פאַר וואָס פערשטעהט דער מאָדערנער מענש צו פער־גראָבען טיעף אין דער ערד די נבלה סרוחה אום ניט צו דערווידערן דעם נאָז און ניט אָנפילען דעם לופט מיט פעסט, און פערשטעהט עס ניט צו טהון מיט דער מאָראַלער נבלה. און באמת וואָס די ערשטע (נבלה) פאַר דער אויסערליכער נאַטור דאָס זעלבע איז די לעצטע (נבלה — מעשים רעים) פאַר דער אינערליכער (פסיכישער) נאַטור. — דער לעבען מאַהנט זייער ביידענס אויפלעזען, פערוועזען, און פערשווינדען. בכן פרעגט זיך אין וועמענס טובה טהוט זיך עס אַזוי בהלה־פלייסיג די געגעננאַטירליכע טהאַטיגקייט איבער צו פלאַנצען די מעשים תעתועים מיט זייערע וואָרצלען (מחשבה רעה) פון צייטליכען לעבען אין דער אייביגער גערעכענים פון דער געזעלשאַפט. צו וואָס זאָלען גערייהען אין די אייביגקייט יענע גיפ־טיגע באַציללען, וואָס מאַכען אַזוי צרה'דיג, קראַנק און העסליך דעם צייט־ליכען לעבען. דער שמוטץ וואָס איז אונגעווינשט און מוז אויסגעראָמט ווערן אַרוים דער שטאַל פון דער בהמה (פיזיק) וואָרום זאָל ער אריין געטראָגען ווערען מיט געזאַנג, פּאָמפּ און דעקאָראַציע אין היכל־מלך (שכל—נשמה)?

אוי יצה"ר ביזטו אַ בריה צו פערבלענדען די ערלויכטע (נאורים!). לאָזען מענשען נאָכשפּירען די מעשים פון יצה"ר ביי זיין זעען דעם נפש די זאַמען פון זינד אין דער שטיל אין די בעהעלטענים פון דער מחשבה, פערציהענדיג דער ביי מכלומר'שט אַ פאָרהאַנג פאַר דעם „עין רואה", איז עס אַ מעשה פון אַ מלאך־חבלה, אויפלעבען אין לעזער די געפיהלען, וואָס האָבען דעם פערברעכער געטריבען צום פערברעכען — איז אַ פער־ברעכען!

דער ריינער קונסט, וואָס האָט געמוזט פיהרען צו רעאַליזם, איז פער־אַנטוואָרטליך פאַר די אַלע אונגעווינשטע ערשיינונגען אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. אין רעאַליזם איז די ריכטיגע לעזונג פאַר דער פראַגע — ווי אַזוי געפינט זיך אַזוי פיעל פערברעכענס אין אַזאַ הויך ציוויליזירטע, אינ־טעלעקטואַל־ענטוויקעלטע געזעלשאַפט? אויך די פראַגע—ווי אַזוי האָט עס געקענט אויסברעכען אַזאַ אַרגיע פון ווילדע כחות מיט ימים בלוט און וועלט־פערוויסטונג, ווי די לעצטע מלחמה, אין אַזאַ הויכען צושטאַנד פון אינטערנאַציאָנאַל?

דער תירוץ — מען האט דער חיה אין מענשען — די בייזע נערוועז — צופיעל דערנעהרונג צוגעווארפען — שכל (פרייזינן) און געפיהל (פאעזי און קונסט) ביז זי איז פון גדר ארויס און האט אומגעוואנדעלט די וועלט אין א גיהנם — ארבעת השפטים הרעים — דבר וחרב ורעב ושבי דכולהו איתנייהו ביה.

ווי איך האב באמערקט, זיינען די אלע אונגעווינשטע ערשיינונגען די פאלגען פון דער אלגעמיינער סבה — תורה שלא לשמה. דער גייסטיגער פערמעגען פון דער געזעלשאפט איז אריין געפאלען צו ניט ריכטיגע בעלי הבתים — צום חוש.

די חז"ל דערצעהלען: רבי אמי ורבי אסי נפיק לקרייתא, דיזע צוויי גדולי הדור זיינען ארויס אין די קליין שטעדלאך אין א"י זעהן וואס הערט זיך דארט מיט אידישקייט. זיינען אלע זיי ארויס אנקעגען. זאגען די חכמים צום עולם — ברענגט אונז די שטאדט-היטער. אייתו להו נטורייא וסנטרי מתא — האט מען זיי געבראכט די וועכטערס מיט די פאליסלייט. זאגען די חכמים צו זיי — דאס זיינען עס די שטאדט-היטער? — אלו חרובי קרתא — דאס זיינען דאך דער חורבן פון שטאדט*) ברענגט אונז די מקרייא און מתנייא — די וואס לערנען מקרא און משנה, די וואס פלאנצען דעם שופט (יראת שמים) און דעם שוטר (מוסר) אינ'ם קינדס הארצען (דעם קינד כמשמעו און דעם גרויסען קינד — המון) אזעלכע שופטים און שוטרים וואקסען מיט'ן קינד, וואכען מיט איהם און באגלייטען איהם. — כי מלאכיו יצוה לך וגו'.

די דירעקטע מלחמה פונ'ם פאליסמאן מיט'ן פערברעכער כל זמן דער חוקר מיט'ן פאעט שטעהן און מאכען געמייזעכטסען אין מענשענס נפש — איז א דורכפאל. ווי די דירעקטע מלחמה מיט'ן אינזעקט און פרעש אין א זומפפיגע טעריטאריע.

---

*) דער דא-זיין פון פאליסלייט מיט וועכטער צייגט אויפ'ן מאנגעל אין מאראל און יראת שמים. זעהסטו א געזעמעל פון שווארצע פויגלען אין פעלד — ביזטו זיכער אז דארט איז א נבלה. די שווארצע פויגעל מעג זיין א גאנץ אונשולדיגע בריאה, זי שפייזט זיך אבער מיט נבלה.

נאָכוואָרט.

עס פערשטעהט זיך אַז איך רייד דאָ בלויז פון טעאָריע פונ׳ם מוז וואָס ליגט אין לאָגיק, און קיינע סטאַטיסטיקס און פאַקטען קענען דאָ ניט גילטען. דער מענש פאָהרט אַרום אויפ׳ן שיף און בעוואָרענט זיך מיט רעטונגס־מיטלען. אַ מענש ווערט, לא לנו, קראַנק און לאָזט רופען אַ דאָקטאָר. וויפיעל שיפען זיינען אונטער געגאַנגען וכל חכמתם התבלעה. און אַ דאָקטאָר איז אויך קיין גאָט. דעם מענשענס שכל איז אונפאָלקאָם, קינדיש־אונרייף, אָבער געטליך־געניאַל. האָט ער איינמאָהל אָנגעצייכענט די וועג וועט זי פריהער שפּעטער ברענגען צום בעצוועקטען פאָלקאָמענהייט. דער מוז וואָס ליגט אין לאָגיק וועט ווערן אַ ווירקליכקייט און די טעאָריע מוז ווערן אַ פּראַקטיק. און דיזער שכל נקי־כפּים, ניט בעשטאָכען, ניט פערבלענדעט (כי השחד יעור) פון דער תאוה זאָגט עדות אַז די איינציגע גוטע וועג און אמת׳ע וועג איז דער דרך התורה והמצוה „כי מוצאי מצא חיים״, „ואשרי בדרכי ילך״.

א מדרש חז״ל בעטרימט מיט א משל.

(געווידמעט דער פערצייטיגער סיביללא).

מ ד ר ש

ד׳ מסיני בא וזרח משעיר — מאי בעי בשעיר? דער רבש״ע האט פארגעלעגט עשו׳ן ער זאל נעהמען די תורה. פרעגט עשו — מאי כתיב בה. — וואס שטעהט געשריעבען אין דער תורה? לא תרצח מארדע ניט! א״כ לא בעינא — וויל איך ניט, האט עשו געענטפערט. הופיע מהר פארן — מאי בעי בפארן? — דער בורא ב״ה האט פארגעלעגט ישמעאל׳ן ער זאל נעהמען די תורה. פרעגט ישמעאל — מאי כתיב בה — וואס שטעהט געשריבען אין דער תורה? — לא תנאף. א״כ לא בעינא. „וויל איך ניט״ האט ישמעאל געענטפערט. ואתא — איז דער בורא ב״ה געקומען צו ישראל און זיי האבען עס אויפגעכאפט די תורה מיט נעשה ונשמע, ניט געפרעגט — וואס וועז. דקדמיתו פומייכו לאודנייכו — תומת ישרים תנחם.

מ ש ל

די זאפטיגע רויז פון די טאהלען, אונטערן הייסען הויך פון זומער האט פאנאנדער געריסען איהר גרין צניעות׳דיגען דעקטוך און האט זיך צובליהט און פאנאנדער געווארפען מיט איהר גאנצען בלוט-רויטען רייץ און פראכט. אין איהר בלומען-כוס האבען זיך געראוועלט די פרייד-טראגענדע שטראהלען פון דער אויפגעהענדער זונן פון הצלחה. איהרע האניגזיסע פארפיומען האבען פאנאנדער געטראגען אין דער ווייטענס די לייכטע וואלען פונ׳ם זאנפטען פריהמארגען ווינד.

כנופיות־ווייז זיינען צוגעפאלען צו דער שטאלצער, פולבלוטיגער רויז — בונטע שמעטערלינגע, און גאלד-געלע, רעדעוודיגע בינען, גרייט איהר צו בעשענקען מיט דער ברכה פונ׳ם בורא ב״ה, מיט׳ן זאמען פאר אייביגקייט — „פרו ורבו״. און געניסען פון איהר וואויל-ריכענדען האניג.

שטאלץ אויף איהר יוגענד און שעהנער מראה. האט די רויז געוויינערט פרעמדע טובות. „יע — האט זי געזאגט — צו מיינע אלע אונצעהליגע מעלות איז גרויסמוטה אין פולע הארמאני — געניסט ליעבענקע פון מיין האניג־זיסע בשמים, און זאל אייך וואויל בעקומען. אבער ניט פאר א רייד פון דער נאטור בעגאבטע פאלקאמענהייט צו בעטלען אביונ׳יש פון פרעמדען חסד״.

און עס איז געקומען דער געוויטער בעגלייט פון דונערן און בליטצען, שלאגס־רעגען און שטורם און האט געריסען דעם געדיכט פערנעבעלטען לופט אין שטיקער, און ערד און הימעל האבען געציטערט...

דער אונגליק ציהט פערביי. די שעהנע בלעטער פו דער רויז, די שטאלץ פון די טהאלען, אכזריות׳דיג אבגעפליקט, צושפרייט, פערפלייצען די סביבה ווי מיט בלוט־פלעקען. די קאפ נידערגעזונקען שטעהט די רויז בערויבט פון איהר שעהנקייט, פערשוועכט פון איהר שטאלץ. און איהר בליק בלאנזשעט אין דער וויטענס און זוכט א לעזונג פאר איהר נידערלאגע.

פיליכט פון אמאהל די פערשטויסענע „לא תרצח״ און „לא תנאף״ בעוואפענט פונ׳ם אל־קנא מיט דונערן און בליצען, ווארפען עס אין פנים זייער בעליידיגונג. פיליכט ווארענט עס דער הימעל די שטאלצע רויז — זי זאל ניט פערבליהען; ניט בעזאמט פון גאטעס־ווארט, ווי איהרע פאר־געהערינס. פיליכט? ע״כ.

די מענשהייט ליידעט פון קראנקהייט.

אבער גאנץ אומזיסט. וועה צו די מענשען וואס זעהן און ווייסען ניט וואס זיי זעהן. דער רבש״ע איז א נותן יד לפושעים — מענשען טרינקען זיך אין א ים פון זינד און אונגליק און א שטריק פאר רעטונג איז גע־ווארפען, און מיר אין אונזער בלינדהייט כאפען זיך ניט אן און רעטען זיך ניט. רמז גדול, רמזו לנו. — די כלבים עזי נפש — חושים, רייסען דעם געזעלשאפטליכען כח פון אלע זייטען, און ווענדען זיך צום פאטער אין הימעל וויים דער מענש אויך ניט. און דאך האט דער אב־הרחמים ניט אבגעטהאן זיין חסד אין גאנצען. ער האט געהייסען דעם צבור־נאטור ער זאל אבשפארען פיעל ווענינג געזעלשאפטליכקייט — חכמה, און די מענשהייט פערמאגט געניאלע מענשען וואס האבען ערפונדען רפואות פאר

געוויסע קראנקהייטען. ווען די מענשהייט וואלט אבגעשפארט דעם גאנ־צען גייסטיגען פערמעגען — די גרויסע סוממען (חכמים מובהקים) מיט די קליינע פרוטות פונ'ם המון, וואלט זי אהן שום ספק געפינען רפואות צו אלע קראנקהייטען. כל המחלה אשר שמתי במצרים (מ"ט שערי טומאה) לא אשים עליך (קדוש וטהור) כי אני ד' (הויה ב"ה — דער הערר פון קדושה און אבסטראקט) רופאך.

די מענשהייט ליידעט פון ארימקייט.

איז דער מענשהייטס־ארגאניזם אזוי בלוט־ארים? ניין! בלויז די עקאנאמי איז א שלעכטע, ווייל די נערוועז מיט זייער פערוואלטונג זיינען ניט פאלקאם — עס פעהלט נערוועז קראפט (מאראל). די בלוט (שפייז) שטרוימט ניט רעגעלמעסיג און ניט צום ריכטיגען פלאטץ. דער פאר גע־דייהען און ווערן געשפייזט ביד רחבה — אברים און נערוועז, וואס אר־בייטען אויס שטאפען נוטצלאז און זאגאר שעדליך פאר'ן כלל־ארגאניזם. דערפאר ליידען געוויסע אברים פון צופיעל פעטס, און אנדערע — פון אויסצעהרונג, און אלע זיינען אויף צרות.

די געזינונגס־חברים און תלמידים פונ'ם תנא אין אבות (ההולך בדרך ושונה וכו'), און דער שפיטצע פונ'ם געזעלשאפטליכען שכל און מאראל, האבען געזאגט — אסור לאדם למלא שחוק פיו בעוה"ז. כל זמן עס איז פאראן אויף דער וועלט אן אויג וואס טרעהרט, א צובראכען הארץ, א פערהונגערטע נשמה — האט דער מענש קיין רעכט ניט צום לאכען. און אנצעפען אויף זיך ציהרונג, און זעטצען זיך אין אטאמאבילס פאר תענוג א. ז. וו. מיט'ן בעוואוסטזיין אין הארצען אז עס זיינען פאראן פערהונגערטע קינדער, פערצווייפעלטע קראנקע, פאר'חשד'טע, פערפעסטעטע וואוינונגען א. ז. וו. מעג מען? — אסור, חזיר! אז — דאן ווען עס וועט זיין בלע המות לנצח ומחה ד' דמעה מעל כל פנים, עס וועט שוין מעהר קיין אומעט־הארץ ניט זיין, אז — דאן ימלא שחוק פינו, אבער ניט יעצט. אט וואו עס וואוינט דער מענשליכער מח, וואס וועהטאגט פאר אלעמען. פונ'ם תנא אין אבות, פון זיין תלמיד — דעם מתמיד וועבט דער רבש"ע אורו של משיח — יתיב אתרעי דרומי (וועלט שטאדט) ומלא שחני וכבי וכו'. פון די פאעטען און חושים־יעגער, וואס זוכען צו בערייכערן דעם לעבען פון פרט אויפ'ן חשבון פון כלל, וואקסען עס אויס יענע חכמים,

וואס געבוירען בנים לגיהנם — איבערפליסיגע לוקסוסען, געקינסטעלטען פערגעניגען , געקויפטען הומאר און אויפגעצוואונגענע פרעהליכקייט. — די אלע שפיי־קעסטלאך, וואו די רייכע שפייען אוים די בלוט פון די ארימע, און די גענעלשאפט געהט נעבאך אוים אין טהיילווייזען אוים־צעהרונג.

בראתי יצה״ר (יורד ומסית, עולה ומסטין נוטל רשות ויורד ונוטל נשמה) בראתי לו תורה תבלין.

די תורה הקדושה ווירקט אין די עולמות העליונים, וואו די מענש־ליכע נשמה נעהמט איהר קוועלע פאר דער מחשבה. דארט שניידט די תורה די ווארצלען פונ'ם זינד. נובלות תורה חכמה. דיזע לצטע בעשעפ־טיגט זיך אין עולם המעשה און שניידעט די אונגעווינשטע פרוכט פונ'ם זינד. — פלאגענישען און פערצווייפלונג. דאס זיינען די צוויי מלאכים געשיקט פון הקב״ה צו בעוואהרען דעם מענשען זיין צייטליכען ווי זיין אייביגען קיום — כי מלאכיו יצוה לך וגו'. ווען דער מענש האלט זיך פעסט אוז טריי אז דיזע צוויי מלאכים פיהלט ער זיך ביים גרויסען פא־טער אין הויז — כי גדול ד' ורב כח, אשר לא יגורנו רע. און ווען צו די נייע מענשען, וואס בעצת רשע — יצה״ר — אונטערגעקויפט, פער־בלענדעט פון דער תאוה (יורד ומסית) האבען זיי געמאכט א קריג צווישען די מלאכי שלום. און די מחשבה ניט בעוואהרט פון דער תורה איז טמא געווארען, און די ברכה פון חכמה איז אומגעוואנדעלט געווארען אין א קללה (ר״ל). בקשו צדק (לצדק את בראכם — צדיק הוא ד' לא יעשה עול) בקשו ענוה — קליגט זיך ניט אקעגען אייער באשעפער. ווען עס איז אייך ח״ו טרויעריג שטעלט קיין בייז פנים אקעגען אייער פאטער אין הימעל. אם תשים אשם נפשו — בעטראכט עס אלס דעם בייז פנים, וואס אייער פאטער ווייזט צו אייך — הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי.

אזא וועג וועט אייך פיהרען צו דער איינציגער רפואה וישועה — שפרו מעשיכם וייטיב ד' לכם ויברך את עמו בשלום.

א מעשה מיט א בן מלך

(אַ לעגענדע)

דער בן מלך האָט געוואוינט אין אַ פּראַכטפּאַלען פּאַלאַץ, היים געליעבט פון זיין געקרוינטען פאָטער און גרייט איבער צו נעהמען אַ וויכטיגע שטעלע אין דער גרענעצלאָזער **מלוכה.**

ער האָט זיך אָבער געגען פאָטער פערזינדיגט, און האָט געמוזט ער־ווייטערט ווערען פון פּאַלאַץ און פערוואָרפען ווערען צווישען פרעמדע. אַז אנפערטרויטער פון פאָטער האָט ערשיינט און אין פלאַמענדע ווערטער דעם פאָטערס רצון ערקינדעט.

און דער כעס פון פאָטער, פערצוימט פון ליעבע, האָט מיט דעם קול פון צורייצטע לייבען אַיינגעשלאָסען אין סטאָהל־פעסטע גראַטען, געברומט. דעם שטרייגגען בייזער פון שטראָף האָט דורך געדרונגען דער מילד טרויסטענדער צוקלאַנג פון מיטלייד, און די וואונדערע שפּיעזען־ווערטער האָבען הייליזאַמע טרעהרען פון פאָטערליעבע בעגלייט:

„דו מוזט זיין פערשטויסען פון מיר, איך קען דיך מעהר ניט דולדען. מיין פּאַלאַץ בעצירט מיט אַלע שעהנקייטען פון דער נאַטור האָב איך גע־וואָלט מיט דיין עניות־טויבען אויג, מיט דעם האַרמאָנישען קלאַנג פון דיין קול, אַרויס געקוועלט פון דיין האַרץ די חכמה־קוועלע — פערהערליכען. מיין פּאַלאַץ, האָב איך געזאָגט, וועט פערלויכטען מיין פרומער דימאַנט, מיין קלוגער גאָלד, מיין מאַכטיגער יושר. אין דיין נשמה וועט זיין צוזאַמענ־געוועבט די שעהנקייט פון חמר מיט די הערליכקייט פון גייסט, די עזות געמילדערט מיט חסד, די הערשאַפט פערצוימט מיט ענוה, דער לוסט מילד פלאַמענד אין צניעות... מיין זוהן, דו האָסט מיין וואונש ניט ערפילט. אונווירדיג צו בעטרעטען מיין שוועל ווערסטו פון דיין היים פערשטויסען. מיין נאָמען אָבער טראָגסטו, דו פערבלייבסט מיין קינד, האַלט נור ריין דיין נאָמען, ניט פערגעס דיין הויכע אבשטאַמונג!“

דער בן מלך האָט געוואַנדערט און געליטען, געוואַנדערט און שטאָל־צירט. מענשען האָבען פּעראַכטעט זיין פרעמדקייט און פערעהרט זיין מאַיעסטעט אַרויסגעגלאַנצט פון זיינע לומפּען־קליידער. ער איז געגאַנגען איבער פעלדער און וועלדער, האָט גערעכענט פאַר אַ זינד אַ בליק צו טהון

אויף גאַנצער וועלט, צו פּיהלען איהרע מילדע ווינטעלאַד ווי איהרע רוישענדע שטורמס, איהר מילדען זוננען־שיין אין פרוהלינג ווי איהרע גלוטה־היצען אין זומער. פערטראַכט האָט ער געוואַנדערט, פערטיעפט אין זיינע זכרונות פון אַמאָל ווען זיין גאָלדען־יוגענד גלאַנץ האָט פערדונקעלט די זונן, ווען זיין יוגענד־פּאַלאַץ, געבויט פון געהיים צויבערהאַפטע סנפירין האָט ניט עמפּפאַנגען קיין ליכט פון אויסען, נור האָט פערשפּרייט זיין בריליאַנטען ליכט פון אינוועניג.

פערטיעפט אין אַלטע זכרונות און צוקינפטיגע חלומות האָט ער געוואַנדערט, פערשטיינערט פאַר פערגעניגען און שמערצען. נור דעם חלום וועגען זיין פערלאָזענע היים, וועגען דער וואַרעמער ליעבע פון זיין געקרוינטען פאָטער, האָט איהם ווי מיט אַ לייכטען דונסט געטראָגען קראַפט פון אַ מאַכטיגער לעבענס־קוועלע, און האָט איהם געקוויקט און ער האָט געוואַנדערט... און ווי פון פערצייטען אַ איבער געבליבענער, פון טוידט פערגעסענער גייסט האָט ער זיך איבער דער ערד געטראָגען. ראָבען און היענעס האָבען אין איהם אַ גראָבען־ריח ערשמעקט, און מיט גייסט געקרוינטע קעפּ האָבען אין איהם אַ מלאך געזעהן. און רעטהזעלהאַפט איז זיין לעבען און מיסטעריעז־געהיימניספאָל זיין בליק, און אין דונקעל פערוויקעלט זיין שיינענדע טוגענד, און די קאָסטבאַרע פּערל פון ים־צרות געשעפּט אין מעלאַנכאָליע טרויער געפּאַסט.

„העלדיש, מיין זוהן, האָט דער פאָטער געזאָגט — האָסטו דיין שווערע וועג איבער געשפּאַנט, איך האָב מיין דינער פערזאָגט דיך מיט מילדקייט צו עמפּפאַנגען“.

באַלד האָט ער ערשיענען. מיט׳ן ליכט פון חכמה דורכגעלויכטען געזיכט, מיט זיין שטראַהלענדען בליק אַרויסגעשיינט פון דער ברייטער ברוסט אָנגעפילט מיט מענשען־ליעבע.

„פרייהייט — האָט זיין שטים געדונערט. די האַנד וואָס האַלט פעסט די קייט פון געפאַנגענע זאָל אָבגעהאַקט ווערן. ווען די קעניגליכע קרוין איז מיט׳ן שווערד־אייזען צום יאָך פון די פערשקלאַפטע צוגעפעסטיגט מוז די קרוין מיט׳ן יאָך צוזאַמען ברעכען, ברידערליכקייט פאַר די פרעמדע, גלייכהייט פאַר די ערנידעריגטע און פרייהייט פאַר די פערשקלאַפטע.“ האָט זיין אייזען־שטימע אייזען־פעסט געקלונגען. און דעם פרייהייטס גייסט פאַר אַ פערוואַלטער געזעטצט.

אונגלויבליכעס האָט אָבער געשעהן. דער גרויסער טרוימער האָט זיינע טרוימען פערלאָזען, און זיין פאָטער גענצליך פערגעסען. אָן דער שפּיטצע פון זיין איבער געגאַנגענע, מיט בלוט באַפלעקטע, מיט מאָנומענטען פון העלדען־טהאַטען בעצירטע, וועג האָט ער אַ שטומען בייזען שיקזאַל, וועלכער פּאַטאַליש, צוועקלאָז יאַגט און פּלאָגט מיט ערשטוינען, אין פערלעגענהייט— ערבליקט. און אין זיין אונבעהאָלפענקייט און שרעק פאַר׳ן רויען גייסט, האָט ער זיך צום „בעפרייער“ געווענדעט — „ער איז אַזוי מילד און מיד, פערשטויסענעם, רופט ער צו זיך“.

זיין שמוטציג־לומפּען־גלות קלייד האָט דער אייז קאַלטער בליק פון זיינע נייע, שטאָלץ־פאַלשע חברים ניט געלאָזט אַראָפּוואַרפען און אין לופטען געהאַלטען זיין טריט און דעם ים צרות ניט געלאָזט טריקענען. נור דער גלאַנץ פון אונטער די לומפּען איז פערלאָשען, די הימעל־לופט האַלט איהם ניט מעהר, און די פעסט מושעל־שאַלעכץ האַלט איהם פעסט איינגעשלאָסען נור דער פאַלש האָט איהר דורכזיכטיג געמאַכט און דער ליכט ווערט פון זיין אינערן ענטרונען און בילדעט ניט מעהר זיינע אייביגע פערלען. פערלאָשען, אין לומפּען, פעראַרימט פון זיין פערנאַכלעסיגטער ירושה, איז לופטען אָהן פליגלען, ווי דער פערוועלקטער בלאַט, ווי דער אבגעריסענער, גרינער גאָלד פעדער פון דער צניעות׳דיג נאַאיווער טויב, ווערט ער געטראַגען, אָהן אַ ציעל, אָהן אַ בוים פון וואַנען צו זויגען דעם זאַפט פון אַמאָל און דעם לופט פון היינט.

דורך אַ וואונק פון זיין פאָטער ווערט דער פריינדליכער בייז, און דער צורופענדער אבשטויסענד. און דער געזיכט פון׳ם בן מלך ווערט פער־שפּיגען. העסליך איז דער שפּיי און אבשייליך איז דער שפּיי, און דעם בן מלך פון זיין פערגאַנגענהייט זיינען נור די פערשטיינערטע נערווען פערבליבען. עס עקעלט איהם ניט, און ער פיהלט ניט, אַז ער איז יעצט מעהר פרעמדלינג פון אַמאָל. ער מוז שוועבען און ער איז ניט מעהר קיין גייסט. אין׳ם פעראַכטונג לייכט ניט מעהר קיין פערלייקענטער כבוד, דער האַס זויגט ניט מעהר פון׳ם וואָרצעל פון קנאה. די ראָבען און היענעס שמעקען נאָך דעם קברים־ריח און די גייסטער זעהן אין איהם ניט מעהר קיין מלאך, און די נערווען פון׳ם בן מלך בלייבען פערשטיינערט...